יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa niszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען (פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע—9 זייט) היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 119 | Łódź, Wtorek, 23 maja 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, כ״ז אייר תרצ״ג | № 119

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

טעאטער „פילהארמאניע"

20 נארוטאוויטשא 20 —::— דיר. ד. צעלמייסטער.

די פרעהליכסטע איבערראשונג פאר'ן לאדזער טעאטער-פובליקום!

היינט, דינסטאג, 9 אווענד

פייערליכער קבלת-פנים

לכבוד דער גרעסטער יודישער קינסטלערין פון אלע צייטען, ליבלינג פון אלע וועלט-טיילען, שטערן פון דעם ניו-יארקער פיקאן-אפערעטען-טעאטער

מאלי פיקאן

צוזאמען מיט דעם בעוואוסטען אמעריקאנער טעאטער-דירעקטאר און רעזשיסער

יעקב קאליך

דורכרייזענדיג פון פאלעסטינא קיין מאסקווע צום טעאטער-פעסטיוואל, טרעטען זיי אויף

נור היינט • נור היינט

מיט איין אייציגען קאנצערט

פון זייער רייכען און פערשידענארטיגען רעפערטואר.

איז פראגראם: סצענעס, בילדער און לידער.

אויסערדעם ווערט נעגעבען די זעהר אויסגעצייכנטע מוזיקאלישע קאמעדיע פון סאלמאנאוויטש

„דער גזלן"

15 נומערן געזאנג

מיט **שמחה נאטאן** אין דער הויפטראלע

די צעהנדליגער טויזענדער פערעהרער פון דער גרויסער קינסטלעריז

מאלי פיקאן און יעקב קאליך

קומען אלע היינט אין „פילהארמאניע" בעגריסען און בעוואונדערן די גרויסע קינסטלער.

בילעטען צו בעקומען א גאנצען טאג אין קאסע פון „פילהארמאניע".

בעמערקונג: גלייך נאך דער היינטיגער קאנצערט-פארשטעלונג פאהרען אפ די חשוב'ע געסט קיין מאסקווע.

יודישע פּעטיציעס אנגענומען אלס דרינגענדע

דייטשע דעלעגאַציע קוועסטיאָנירט נישט די רעכט פון די יודישע פּעטיציעס, זי דרעהט זיך אָבער ארויס מיט א שפּיצעל

גענף, 22. (ספּ. טעל.)

די 22־טע סעסיע פון פעלקער־ליגע ראַט האָט זיך היינט געעפענט אונטערן פאָרזיץ פון מעקסיקאַנער דעלעגאַט.

גענף, 22. (יט"א טעלעגראַפיש)

אויף דער ראַט־זיצונג איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען די יודישע פּעטיציעס. די דייטשע דעלעגאַציע האָט נישט קוועסטיאָנירט די רעכט פון די פּעטיציעס, אַזוי אַרום זענען אַלע פּעטיציעס בעטראַכט געוואָרען פאַר דרינגענדע. די דייטשע דעלעגאַציע האָט נאָר אַרויסגערוקט די מיינונג אַז דער אויבער־שלעזישער יוד בערנהיים וועלכער האָט אַריינגעטראָגען אַ פּעטיציע צום פעלקער־בונד, רע־פּרעזענטירט נישט קיין מינדערהייט, ס'איז דעריום בעשלאָסען געוואָרען אַז בערנהיים זאָל אין די נאָך־העכסטע טעג צושטעלען בעווייזען, אַז ער רעפּרע־זענטירט אַ מינדער־הייט. די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע איז אָבער איצט נישט גינסטיג פאַר אַ דיס־קוסיע וועגען דער פראַגע.

„דער אָפּמאַך פון 4"

וועט אונטערגעשריבען ווערען אין די נאָהענסטע טעג

פּאַריז, 22. (ספּ. טעל.)

דער דירעקטאָריאַט פון די 4 מלוכות וואָס מ'האָט שוין געהאַלטען פאַר בעגראָבען האָט ווידער אויפגעלעבט נאָך גערינגס וויזיט אין רוים.

די פּאַריזער אַגענטור „ראַדיאָ" ערקלערט אַז „דער אָפּמאַך פון 4" שטיצט זיך אויפ'ן אָריגי־נעלען פּראָיעקט פון מוסאָליני, אין וועלכען עס זענען אַריינגעפירט געוואָרען ערנסטע ענדערונגען. איינער פון די אַרטיקלען אין'ם אָפּמאַך רעדט וועגען דער רעוויזיע פון די גרענעצן אין די ראַה־מען פון ווערסאַלער טראַקטאַט.

אַ הויכער בעאַמטער פון איטאַליענישען אויסערן־מיניסטעריום האָט ערקלערט, אַז „דער אָפּ־מאַך פון 4" וועט אונטערגעשריבען ווערען אין די נאָהענסטע טעג.

יודען און די פּאָליטישע געשעהענישען אין עסטרייך

ווין, (יט"א). דער קאַמף פון דער עסטרייכי־שער בעפעלקערונג געגען די היטלעריסטישע הער־שאַפטס־אַפּעטיטען אין עסטרייך איז אַריין אין אַנ־טשיידענדען סטאַדיום. די רעגירונג און איהרע פּאַרטייען ווייזען אַרויס פיל ענערגיע אין דאָזיגען קאַמף, אין רעגירונגס־קרייזען איז מען גרייט אין די נאָהענטסטע טעג בכלל צו פערבאָטען און פונאַנדער־לאָזען די היטלעריסטישע שטורם־אָפּטיילונגען, און אפילו ציהען צו פערזענליכער פעראַנטוואָרטליכקייט די פיהרער פון עסטרייכישען היטלעריזם.

אין די לעצטע צוויי וואָכען לעבט גאַנץ עסט־רייך אונטער אַ קאַנאָנאַדע פון היטלעריסטישע גע־וואַלדיגע מאַסען־דעמאָנסטראַציעס איבער אַלע שטאָ־טישע און דאָרפישע ישובים אין לאַנד. אין איניגע לאַנדעס הויפּט־שטעט פון דער פּראָווינץ שלאָגט מען זיך אַרום נאַכט פאַר גאַנץ. אָפט מוז מען פער־צוימען גאַנצע קוואַרטאַלען פון שטעט מיט שטע־כעדיגען דראָט און דאָס שאַפט אומרוה און פּאַניק אין לאַנד גופא ווי אויך גרויסען פּאָליטישען און פינאַנציעלען שאָדען אין אויסלאַנד.

די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג, אויך אַ גרוי־סער טייל פון לינקס־געשטימטע און סאָציאַליסטישע יודען, האָט זיך לעצטענס אַנגעשלאָסען דעם רעגי־רונגס־פראָנט, כדי שלאָגען בשותפות דעם היט־לעריזם: די היימוועהר האָט דערווייל אָנועקגעלעגט דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַ זייט. די רעגירונג וואָס בעשטעהט פון קריסטליך־סאָציאַלע, לאַנדבונד און היימוועהר וויל דערמיט דערגרייכען די יודישע הילף אויך אין אויסלאַנד. עסטרייך וואַרט נאָך אַלץ אויף דער לאָזאַנער הלוואה, מען האָפט דערמיט צו פערבעסערען די קריטישע עקאָנאָמישע לאַגע, אַזוי אַרום וואָלט אפשר אָפּגעשטעלט געוואָרען דער ווייטערער וואוקס פון היטלעריזם אין עסטרייך.

פון די הערשענדע שטימונגען איז צו זעהען, אַז מאַסען יודען האָבען זיך לעצטענס אָפּגעווענדעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וויל מען האַלט זי פאַר געשלאָגען און אומפעהיג אָנצופיהרען דעם קאַמף געגען דער ברוטאַלער היטלעריסטישער מגפה.

דאַגעגען די „אַרבייטער־צייטונג" וואָרענט די יודען און די דעמאָקראַטען געגען אַט דער געפעהר־ליכער טאַקטיק צו שטיצען דעם פאַשיזם געגען היט־לעריזם. זי זאָגט פאָראויס, אַז דער סוף וועט זיין אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון היטלעריסטען מיט קריסט־ליך־סאָציאַלע און די איצטיגע יודיש־דעמאָקראַטישע טאַקטיק דערנעהנטערט בלויז אַזאַ קאָאַליציע.

אמעריקאנער און ענגלישער דעלעגאט

וועגען די אויסזיכטען פון דער ענטוואפנונגס-קאנפערענץ

גענף, 22. (ספּ. טעל.)

אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער ענט־וואָפענונגס־קאָמיסיע האָט גערעדט דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט נאָרמאַן דייוויס.

דייוויס האָט אין זיין רעדע אונטערשטיצט דעם ענטוואָפענונגס־מאַניפעסט פון רוזוועלט.

נאָך דייוויסען האָט גערעדט דער ענגלישער פאָרשטעהער מיניסטער סיימאָן, וועלכער האָט בע־טאָנט, אַז נאָכ'ן מאַניפעסט פון רוזוועלט נאָך דער רעדע פון היטלער'ן זענען די פּערספּעקטיוען איצט בעסערע.

אמעריקאנער דעלעגאַצ'ע צו דער ווירטשאפטל.-וועלט-קאנפערענץ

וואַשינגטאָן, 22. (ספּ. טעל.)

דער פּרעזידענט רוזוועלט איז איצט פערנומען מיט'ן פעסטשטעלען דעם צוזאַמענשטעל פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע אויף דער ווירטשאַפטלי־כער וועלט־קאָנפערענץ. צווישען דער דעלעגאַ־ציע זאָל זיך אויך געפינען אָווען יונג.

● היינט ●

נאר איינאיינציגער קאנצערט פון

מארי פּיקאן

און יעקב קאליך

● אין „פילהארמאניע" ●

היטלעריסטישער „אנגריף" געגען די יודישע פּעטיציעס

פעלקער-בונד האט נישט קיין רעכט זיך אריינצומישען אין די אינערליכע ענינים פון דייטשלאנד

בערלין, 22. (יט"א טעלעגראַפיש).

דער היטלעריסטישער „אַנגריף" טרעט שאַרף אַרויס געגען יודען און געגען די יודישע פּעטיציעס. אין דעם אַרטיקעל זאָגט דער מחבר, אַז קייגער, אפילו דער פעלקער־בונד, האָט נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישען אין די אינערליכע ענינים פון דייטשלאַנד.

ד"ר מעד.

ש. גרינבלאט

אינערליכע קראַנקהייטען

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

לימאַנאָווסקיעגאָ (אַלעקסאַנדער) 28

טעל. 228-60

2700

בעקאנטמאכונג.

די פערוואַלטונג פון קעלבער-שעכטער-פעראיין

פּאַדזשעטשנאַ 10

מאַכט בעקאַנט אַלע איהרע מיטגלידער, אַז דאָנערשטאָג דעם 25-טען מאַי 1933, 6 אַ זייגער נאָכמיטאָג צום ערשטען טערמין (פאַלס ביי אַ נישט גענוגענדער צאָהל מיטגלידער), 8 אַ זייגער אָוונד דעמזעלבען טאָג גילטיג ביי יעדער צאָהל מיטגלידער, קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל

די יעהרליכע גענעראַל-פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדער טאָג-אָרדנונג: 1) וואַהלען פון אַ פאָרזיצער און אַסעסאָרען; 2) וואַהלען פון אַ פּרעזעס, פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע; 3) ענדערונג פון געוויסע פּונקטען אין די סטאַטוטען; 4) פרייע פאָרשלאָגען.

2640

די פערוואַלטונג.

בעמערקונג: אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען פּינקטליך צו ערשיינען, ווייל עס האַנדעלט זיך אין אייערע אייגענע אינטערעסן.

7-קלאַסיגע שולע און פּרעבעל-שולע

קאצענעלזאן - נאחומאוו

פּאַמאָרסקאַ 20 (רוג סאָלנאַ 4) טעל. 177-01

קאַמוניקאַט אויפ'ן שול-יאָהר 1933/34.

איינשרייבונגען פון נייע שילער ווערען אָנגענומען אין אַלע קלאַסען, ווי אויך פאַר אַנטוויקעלטע קינדער פון 5 יאָהר אין A^0 (פאָרבערייטונגס-קלאַס). אין פּרעבעל-שולע ווערען אָנגענומען קינדער פון 3 יאָהר אָן.

ביי דער שולע עקזיסטירט אַ 50% נאָכמיטאָג-הנחה-שולע פאַר אומבעמיטעלטע אָדער פיזיש-שוואַכע קינדער.

אונטעררייכטס-שפּראַך אין שולע ווי אויך אין פּרעבעל-שולע — פּויליש. די העברעאישע שפּראַך און די למודי-קודש זענען געשטעלט אויף דער העכסטער מדרגה.

די פאָרמאַליטעטען מיט דער שול-מאַכט ערלעדיגט די קאַנצעלאַריע.

די למודים הויבען זיך אָן דעם 15/8 (כ"ג אב).

דער לאָקאַל פון דער שולע ווערט בעדייטענד פערגרעסערט.

איינשרייבונגען פון 20 אַפּריל אָן פון 10 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.

אכטונג: דער שול-פּראָגראַם איז צוגעפּאַסט צום נייעם געזעץ פאַר רעאָרגאַניזאַציע פון גאַנצען שול-וועזען. נאָכ'ן ענדיגען פון 7 אָפּטיילונגען טרעטען די שילער אַריין אין אַ האַנדעלס- אָדער פאַך-שולע, און נאָך 6 אָפּטיילונגען אין גימנאַזיום.

די פּרייזען פון שכר-למוד ווערען רעדוצירט ביז'ן מינימום.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט טייל איך מיט דער ג' קונדשאַפט, אַז דער ערשט קלאַסיגער

הערן-שניידער-אטעליער

מ. ד. קוטשינסקי

האָט זיך איבערגעטראָגן אויף

28 זאוואדזקא 28 פּראַנט 1-טער שטאָק

איך נעהם אָן בעשטעלונגען צום פריהלינג- און זומער-סעזאָן לויט די לעצטע אויסלענדישע מאָדעלען. רעעלע בעהאַנדלונג! פּינקטליכע אויספיהרונג! מעסיגע פּרייזען! און כ'בעט די ג' קונדשאַפט מיך אויך ווייטער צו בעזוכען.

מיט אכטונג

M. D. Kuczyński

28. Zawadzka 28.

אלע דארפען וויסען!

צום זומער סעזאָן בעקומט איהר

רעשטען

פון די בעסטע קוואַליטעטען ביליצער. טאַמאַשאַ-ווער און אַנדערע נייעסט - מאָדערנסטע מוסטערן פון הערען- און דאַמען-שטאָפען

פאַר דאַמען אויף פּאַלטען, אויף קאָסטיומען | מיט 30% ביליגער קומט און איבערצייגט אייך! | פאַר מענער אויף אַנציגער, אויף פּאַלטען

נור ביי | געדענקט דעם אַדרעס

R. SZCZĘŚLIWY

5 נאַוואָמיעסקאַ 5, פּראַנט, 2. שטאָק.

● העלענאוו ●

שבת, ד. 10-טן יוני, 2 נאָכמיטאָג

א גרויסע גארטן-פארוויילונג

לטובת די בּאראכאוו-שולן

אַ סך אַטראַקציעס און סורפּריזן!

געניער אין די נאָנטסטע צייטן.

2702

די בעסטע מאדעלען

פון זומער-שיך

און פלעציאנקעס

איז אַ רייכע אויסוואַהל עמפּפעהלט

A. Ogórek

11 ZAWADZKA 11.

Doktór

ŁAGUNOWSKI

powrócił

Piotrkowska 70

i róg Traugutta

Tel. 181-83.

choroby skórne

weneryczne

imoczopłciowe

Gabinet Roentgenoleczniczy.

Przyimuje od 8^{30} do 10 1 — 2^{30}, od 6 do 8^{30} w w niedziele i święta od10—1.

Oddzielna poczekalnia dla pań.

פאַר

גאלד, בּיזשוטעריע

און לאָמבּאַרד-קוויטעס

צאָהלט די העכסטע פּרייזען

איזידאר פּיאלקא

פּיעטריקאָווער 7.

Dr.

Wajnberg

ספּעציאַליסט פון לונגען- האַרץ- און מאָגען-קראַנקהייטען

ציגעלנאַ 11, טעל. 126-02

נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אָוו.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פּיעטריקאָווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אָן שטענדיגע אויגען - קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. ז. וו.), ווי אויך אַמבולאַטאָרישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אָוונט.

כירורגישער קאבינעט

Dr. Szreiber

איז געווען איבערגעטראָגן אויף

Narutowicza № 9

tel. 122-95.

אָפּעראַציעס, אַפּאַראַנקעס, הילם ושילעקעס אויף הײלאַנשטאַלט-פּרייזען.

אינפאָרמאַציעס וועגן קויפן אין א"י דורך די אַגריקולטור-געזעלשאַפט „הנוטע" אין א"י

פּרדסים

לעבער צו וועט

י. נאָרדמאַן

שרודמיעסקאַ 8

אויף אויסצוצאָהלן אין משך פון עטליכע יאָר

גראַנד-האָטעל, צימער 230

פון 5 נאָכמ. ביז 7 אין אָוונט.

2703

א מיליאן דאלאר צו בעקעמפן דעם היטלעריזם

בעשלוס פון יוד. אמעריקאנישן קאמיטעט

פראפ. איינשטיין נעמט אן די עהרען-פרעזעסור פון קאמיטעט

וואַשינגטאָן, 22. (יט"א טעלעגראַפיש). ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער יודיש-אַמעריקאַנישער קאָנגרעס. ס'זענען אָנוועזנד געווען הונדערטער דעלעגאַטען. ס'איז בעשלאָסן געוואָרן צו זאַמלען אַ מיליאָן דאָלאַר אויף צו בעקעמפען דעם היטלעריזם. ס'איז אויך בעשלאָסן געוואָרן דער גאַנצער וועלט צו לענקען די אויפמערקזאמקייט אויף דער היטלעריסטישער געפאַהר.

דער קאָנגרעס האָט בעקומען אַ ידיעה אַז פראָפ. איינשטיין האָט מסכים געווען אָנצונעהמען די עהרען פרעזעסור פונ'ם קאָמיטעט.

דער קאָנגרעס איז געשלאָסן געוואָרן מיט אַ גרויסער רעדע פון סטיפען ווייז אין וועלכער ער האָט אַרויסגעזאָגט די האָפענונג, אַז דאָס יודישע פאָלק וועט איבערלעבען דעם היטלעריזם.

די היטלעריסטישע פרעסע בעשולדיגט דעם פרעזידענט רוזוועלט

אין אונטערגעבען זיך יודישע איינפלוסען

אינסבורק, (יט"א. דער אָפיציעלער היטלעריסטישער אָרגאַן „דער שטירמער" און דער האַלב אָפיציעלער רעגירונגס-אָרגאַן „דייטשע אַלגעמיינע צייטונג האָבען פערעפענטליכט שאַרפע אַנגריפען געגען דעם אַמעריקאַנער פרעזידענט רוזוועלט, בעשולדיגענדיג איהם, דאָס ער האַנדעלט געגען דייטשלאַנד אונטערן „יודישען איינפלוס".

אין אַ לענגערען אַרטיקעל וואָס איז וואַרשיינליך אינספּירירט געוואָרען דורך די רעגירונגס-קרייזען שרייבט די „דייטשע אַלגעמיינע צייטונג", דאָס רוזוועלט האָט אָנגענומען אַן אַנטי-דייטשע שטעלונג, ווייל „דריי פון זיינע איינפלוסרייכע ראַטגעבער זענען יודען".

דער „שטירמער" פערזיכערט זיינע לעזער, אַז רוזוועלט איז אַ איינגעשידענער יודען-פריינד און רעגירט מיט זיין לאַנד אויף אַ „ריין יודישען אופן".

די היטלעריסטישע פרעסע וואַרפט בכלל פאָר די פעראייניגטע שטאַטען אַ פריינדליכע שטעלונג צו יודען און פאַליאַקען.

פערמשפט צום טויט א כינעזישען גענעראל

וואס איז איבערגעקויפט געווארען דורך די יאפאנער

לאָנדאָן. 22 (ספ. (טעל.) פון שאנכאי מעלדעט מען, אז דער העכסטער מיליטערישער טריבונאל האָט פערמשפט צום טויט פאר מלוכה-פערראט דעם גענעראל איקסי. דער גענעראל איז איבערגעקויפט געוואָרען דורך די יאפאנער. דער אורטייל איז גלייך אויסגעפיהרט געוואָרען.

ריזיגער פראטעסט-מיטינג פון יודן און קריסטען געגען היטלער-כוליגאניזם

פארשטעהער פון דייטשלאנד אין אויסטראליען נישט בעקומען קייןווארט צו פערטיידיגונג

סידנעי, 22. (יט"א טעלעגראַפיש). אין דער אויסטראַלישער הויפּט-שטאָט איז פאַרגעקומען אַ ריזיגער פראָטעסט-מיטינג פון יודען און קריסטען געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד. מיט אַ גרויסער רעדע איז אַרויסגעטרעטען דער אויסטראַלישער פרעמיער-מיניסטער. דער פאָרשטעהער פון דער דייטש-אויסטראַלישער געזעלשאַפט האָט געבעטען אַ וואָרט. דאָס פרעזידיום האָט איהם אָבער קיין וואָרט נישט געגעבען.

עסטרייך געגען „אנשלוס"

רעדע פון קאנצלער דאלפוס

וויען, 22 (ספעצ. טעל.) דער קאנצלער דאָלפוס האָט געהאלטען דורך ראדיא א רעדע אין וועלכער ער האָט בעטאָנט, אז עסטרייך איז א פרייע און אומאפהענגיגע מלוכה און וויל ווייטער בלייבען אזוי. עסטרייך וועט נישט מסכים זיין אויף קיין אנשלוס.

ערב דעם פאל־עז פון פעקין

ביי די שלאכטען אומגעקומען 10 טויזענד כינעזער

לאָנדאָן, 22. (ספ. טעל.) אַלס רעזולטאַט פון דער ענערגישער אָפענזיווע וואָס איז געפיהרט געוואָרען דורך די יאַפּאַנער אין די לעצטע טעג, רעכענט מען זיך דערמיט, אַז פעקין זאָל יעדע מינוט פערנומען ווערען.

די שטאָט איז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, אין קאַמף וואָס האָט זיך ענטוויקעלט נאָכדעם, ווי די יאַפּאַנער זענען אַריבער דעם טייך, וואַן, זענען אומגעקומען צעהן טויזענד כינעזער.

אין מיטען דער שטאַרקער אָפענזיווע האָבען די יאַפּאַנער פאָרגעלעגט וואָפענשטילשטאַנד אויף פאָלגענדע בעדינגונגען:

1) אָבערקענען מאַנדזשוריען דע יורע, 2) שאַפען אַ נייטראַלען שטח וועלכער זאָל אַרומנעהמען אַלע פּראָווינצען אויף צפון פון „געלען טייך", 3) אָפּזאָגען זיך פון באָיקאָט פון יאַפּאַנישע סחורות.

די כינעזישע רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט אַ פראָטעסט צו דער פעלקער-ליגע.

לאדזער נייעס

זומער-קאלאניעס פון די יודישע גימנאזיעס

אזוי ווי אלע יאהר, ארדנען אויך איין היייעהריגען זומער די עלטערן-קאָמיטעטען פון די דריי גימנאזיעס פון פעראיין פאר יודישע שולען אין לאָדז קאָלאָניעס פאר די שילער און שילערינס פון די דאָזיגע גימנאזיעס. די קאָלאָניעס וועלען געפיהרט ווערען פון געניטע פעדאגאגישע קרעפטען.

די פרויען-גימנאזיע וועט האָבען איהר קאָלאָניע אין זאקאָפאנע, די ערשטע מענער-גימנאזיע — אין ראבקא, די צווייטע מענער-גימנאזיע — אין רימרא ביים באפראד.

מיט'ן פערשרייבען פון קאנדידאטען אויף די קאָלאָניעס פערנעמט זיך אין יעדער גימנאזיע דער סעקרעטאריאט פון עלטערן-קאָמיטעט.

מארי פיקאו און יעקב קאליד

גרעטען אויף היינט אין „פילהארמאניע" מיט

אַ קאנצערט

פון זייער רייכען רעפערטואר

יודישע לאנד-קענטשאפט אין לאדז

די יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט אין פוילען, ארדענט איין היינט, דינסטאָג, דעם 25 ה. ח. אַן אויספלוג אין דער צענטראלער פוילישער ראדיא-סטאציע, צוזאמענטרעף פינקטליך 16,30 נאָכמיטאָג ביי עק-אינזשיניערסקא-גאס און וואלאָווא (צופאָהר מיט טראמוויי נ' 9 און 6.

בע'גנב'עט איז דער באהן

(2) מענדעל קראַקאָווסקי (פילסודסקיעגא 44) האָט צוריקקעהרענדיג זיך פון פיעטרקאָוו קיין לאָדז. געכאפט א דרימעל אין וואגאָן.

אז ער איז אָנגעקומען אויף דער סטאציע, האָט ער בעמערקט, אז מען האָט איהם ארויסגענומען דעם פאָרטפעל, אין וועלכען עס איז געלעגען א 250 גילדען אין מזומן און וועקסלען.

פאר'ן פערשפרייטן פאלש געלד

(2) דאָס לאָדזער קרייז-געריכט האָט געכטען פערמשפט די 21-יעהריגע סטאַניסלאַווא וואַיוזשיביאַק, פאַר'ן אויסברענגען פאַלש געלד — אויף 4 חדשים אַרעסט.

דער פיהרער פון „פועלי ציון" זרבבל צוריקגעקומען קיין פוילן

דער פיהרער פון די לינקע פועלי-ציון איז מיט אנדערהאלבען יאָהר צוריק אין שליחות פון דער צענטראלער יודישער שול-אָרגאניזאציע, אָפגעפאהרען קיין אמעריקע, און דאָרט געפיהרט א ברייטע פערצווייגטע קאמפאניע פאר די יודישע שולען אין פוילען. און האָט געשאפען 10 טויזענד דאָלאר, נעמענדיג אין אכט דעם שווערען קריזיס, וואָס איז היינט צו טאָג אין אמעריקע, איז דאָס א בעדייטענדע סומע.

זרבבל האָט אויך בעזוכט קאנאדע, ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, איטאליע און ארץ ישראל. די טעג איז ה' זרבבל צוריקגעקומען קיין פוילען די לאָדזער פועלי-ציון ארגאניזאציע גרייט צו א פייערליכען קבלת פנים פאר דעם גאסט.

זעלבסטמארד

(א) מחמת ארבייטסלאָזיגקייט און נויט האָט נעכטען אויסגעטרינקען א גרויסע דאָזע עסיקעסענץ דער 51-יעהריגער סטעפאן קורעק (אויף סטאניסלאווסקא 5). מען האָט איהם אין א שווערען צושטאנד אָפגעפיהרט אין שפיטאל.

פאר הונגער

(2) אויף זשגאָזשער גאַס, לעם נומער 46, איז נעכטען אומגעפאַלען אַ פער'חלש'טע די 29-יעהריגע יאַנינא קאָוטשינסקא, וועלכע איז אָנגעקומען פונ'ם דאָרף דאָמבראָווא זוכען ארבייט אין לאָדז.

אָוועקגעפאַלען איז זי פאַר הונגער.

מ'האָט זי אָפּגעפיהרט אין דעם שטאָטישען זאַמעל-פונקט.

דאס געווינס 20,000 זל. אין לאדז!

די נעכטיגע ציהונג פון דער 1-ער קלאַס פון דער מלוכה-לאָטעריע איז אויסגעפאלען גליקליך פאר אונזער שטאָט. דאָס הויפּט-געווינס פון דעם טאָג 20,000 זל. איז געפאלען ווידער אין דער בעקאנטער קאָלעקטור ס. יאטקא (פיעטרקאָווער 22 און 66) דאָס גליקליכע לאָס נ' 52603 איז פערקויפט געוואָרען א העלפט 2 לאָדזער און דאָס צווייטע העלפט אין דער פאביאניצער אבטיילונג פון דער קאָלעקטור.

דאָס איז דאָס גרעסטע געווינס וואָס איז ביי דער איצטיקער ציהונג ביז איצט געפאלן אין לאָדז.

צוויי משה'לעך — נישט קיין ברידער

וואס דאס געריכט האט מיט זיי צו טון, ווידער..

(2) נעכטען זענען געשטאַנען פאַר'ן קרייז-געריכט: דער 43-יעהריגער משה בראָקמאַן און דער 35-יעהריגער משה קאַרמאַזין, וועלכע זענען בעקאַנט פון דער פּרוי בענטשקאָווסקאָס פּראָצעס וועגען פאָבאָר-מאַכינאַציעס.

זיי זענען נעכטען געמשפט געוואָרען אַלס בעשולדיגטע אין פאַלש שווערען.

אין דער שולד האָבען זיי זיך נישט מודה געווען, אָבער — דאָס געריכט האָט זיי אַרויסגעטראָגען אַן אורטייל צו צוויי יאָהר טורמע.

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי — — — —	73.00
3 פראצענטיגע בודאָוולאנע —	39.00
4 „ דאָלארובקא —	50.75
7 „ סטאביליזאציע (אמ.)	51.00
8 „ ווארשאָווער פאנד-בריף	41.38
8 „ לאָדזער „ „	37.00
ענגלישע פונט — — —	30.30
דאָלאר - אָפיצ. 7.76, נישט אָפיצ. —	7.78
גאָלד-דאָלאר — — —	9.22
גאָלד-רובל — — — —	4.90
דייטשער מארק — — —	2.03

ראדיא-פראגראם

מאנטאג דעם 23 מאי 1933

11,40 פרעסע-איבערזיכט. 11,50 מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאט. 11,57 צייט-סיגנאל 12,05 מאָג-פראָגראַם. 12.10 גראַמאָפאָן. 1.20 מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאט. 3.10 עקספּאָרט-קאָמוניקאט. 3.15 ווירטשאפטליכער קאָמוניקאט. 3,25 לופט פליה און געגען-גאז. 3.30 קאָמוניקאטען. 3.35 „צווישען ביכער". 3,50 גראמאָפאָן-פליטען. 4.25 פאָרלעזונגען. 5.00 סימפאָנישער קאָנצערט. 4.55 טאָג-פראָגראַם. 6.00 לייכטע מוזיק. 7,00 פערשידענעס 7,20 קאָמוניקאט פון דער האנדעלס קאמער. 7.30 פעליעטאָן. 7,45 ראדיאָ-פרעסע 8.00 קאָנצערט. 10,00 ליטערארישע פערספעקטיווע. 10.15 קאָנצערט. 10,45 גראמאָפאָן. 10,55 קאָמוניקאטן. 11,00 טאנץ-מוזיק.

אויסלאנד

5.25 מאָסקווע — אָפערע „דאמע פיק" פון טשייקאָווסקי. 5,25 — מאָסקווא — דאָס „גאָלדענע הענדעל" — אָפערע פון דימסקי — קאראקאָוו. 8 — שטאָקהאָלם — שוועדישער קאָנצערט. 8.30— בודאפעשט — קאָנצערט פון ענגלישע קלאסיקער 8.45 פאריז — קאָמעדיע „פאפא". 8.45 רוים — אָפערע „סיבעריא". 9 — וויען — סימפ. קאָנצערט 9.20 דאווענטרי — אָפערע „ציגאנעריע".

רעוויזיעס ביי יודען אויף דער דייטשער גרעניץ

מ'זוכט געלד און פראפאגאנדע-מאטעריאל

אינסבורק, 22. (יט"א טעלעגראַפיש). ביי דער דייטשער גרעניץ זענען פערשטאַרקט געוואָרען די גרעניץ-וואַכען וועלכע קאָנטראָלירען די יודישע פאַסאַזשירען, צי זיי פיהרען נישט אַרויס קיין געלד און פראָפּאַגאַנדע-מאַטעריאַל.

ענטהילט א דענקמאל פון וואלטער ראטענוי'ס מערדער

איינסבורק, 22. (יט"א טעלעגראַפיש). אין אַ שטעטעל ביי ווירטעמבערג איז ענטהילט געוואָרען אַ דענקמאָל פאַר'ן מערדער פון וואַלטער ראַטענוי.

זעלבסטמארד פון באנקיר הארימאן

האט געמאכט א רושם אין אמעריקא

ניו-יאָרק, 22. (ספ. טעל.) דער נעכטיגער זעלבסטמאָרד פון געוו. דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַל-באַנק — האַרימאַן, איז די סענסאַציע פון טאָג, אין די אַמעריקאַנער פינאַנציעלע קרייזען.

געגען האַרימאַנען איז געפיהרט געוואָרען אַ פראָקוראָרישע אויספאָרשונג וועגען פעלשען די באַנק-ביכער און אַריינשטעלען נישט-ריכטיגע פאָזיציעס אין בילאַנס.

האַרימאַן איז געווען אויף דער פריי געגען קויציע. לעצטענס איז האַרימאַן געווען אין שפּיטאָל און זיך געהיילט אויפ'ן האַרץ.

עהרענכטען בילנאַכט האָט זיך האַרימאַן דערשאָסען.

דייטשע באיקאטירען עסטרייך

וויען, 22 (ספ. טעל.) פון לינדוי מעלדעט מען, אז דער בייערישער מיניסטער עסער האט אויף א פערזאמלונג פון דער אויסלענדישער פרעסע פראקלאמירט א טוריסטישען באיקאט פון עסטרייך מצד דייטשלאנד. דער באיקאט זאל זיין אן ענטפער פון דייטשלאנד פאר די אויסווייזונגען פון היטלעריסטען פון די עסטרייכישע גרעניצען.

Dr. Z. RAKOWSKI

ספעציאליסט פאר

אוירען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען

11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)

טעל 127-81

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17

פון 11-1 און פון 2-3 נאכמ.

לאדז, 23 מאי 1933

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 23 מאי 1933

ווי אזוי האט דאס פאסירט?

די דייטשע סאצ.-דעמאקראטען אין רייכסטאג

די אויפפיהרונג פון דער סאציאל־דעמאקראַ־טישער פראקציע אויף דער לעצטער זיצונג פון דייטשען רייכסטאג, אויף וועלכער היטלער האט געהאלטען זיין בעריהמטע „שלום־רעדע", האט ארויסגערופען פערוואונדערונג, שטוינונג און אין די רייהען פון די ארבייטער אין אלע לענדער — גערעכטע עמפערונג. מען פרעגט זיך: ווי אזוי האַ־בען געקאנט פארשטעהער פון א סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע ווערט פיזיש און מאראליש אויסגע־ראָט פון היטלערישען רעזשים, וועלכע ווערט פער־פאלגט, געפייניגט, געטראטען מיט די פיס, וועמעס פערמעגען מען האט ערשט פערניכטעט, קאַנ־פיסקירט, וועמעס אנהענגער עס ווערען אהן גע־ריכט געהאלטען און געפייניגט אין די טורמעס און אין קאנצענטראציאנס־לאגערן — ווי אזוי האבען די אנגעהעריגע פון אט דער פּאַרטיי גע־קאנט אויפהויבען זיך, און איינעם מיט די נאַ־ציאנאַל־סאציאליסטען שטימען און אפראבירען די פּאליטיק פון רעזשים?

אמת, מען וויסט, אז די מיטגלידער פון דער סאצ.־דעמאקראטישער פראקציע געפינען זיך אונ־טער דעם שווערסטען טעראר, אז דאס שטימען אויף אנ'אנדער אופן אדער אפילו דאס אפהאלטען זיך פון שטימען האט זיי געקאנט קאסטען פשוט דאס לעבען, אבער דאך, בלייבט די פראגע, ווי אזוי קאן מען עס אזוי זיך שפילען אליין אין פנים אריין? ווי אזוי קאן מען בעשטעטיגען די האנדלונגען פון די הענקערס פון די דייטשע ארבייטער? עס איז דעריבער כדאי צו וויסען אביסעל פרטים וועגען דער דאזיגער זיצונג פון רייכסטאג. די פרטים געפינען מיר אין דער אויסלענדישער פרעסע, נישט פון דייטשלאנד. דער ארגאן פון די האלענדישע סאציאליסטען „העט פאלק" גיט איבער די פאל־גענדע איינצעלהייטען וועגען דער שטעלונג פון די דייטשע סאציאליסטען אויף דער זיצונג פון רייכסטאג דעם לעצטען מיטוואך.

דער צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי האט געפאדערט פון דער רייכסטאג־פראקציע, וועלכע געניסט געוועהנליך אין אזעלכע פאלען פון ברייטער אויטאנאמיע, אז די דעפוטאטען פון דער פראקציע זאלען זיך אין דער זיצונג נישט בעטיי־ליגען. דאס פרעזידיום פון דער רייכסטאג־פראקציע האט אנערקענט די ריכטיגקייט פון דאזיגען שטאנד־פונקט און אויף דער זיצונג פון דער פראקציע האט דאס פרעזידיום די שטעלונג אונטערשטיצט מיט פאלגענדע ארגומענטען:

עס קאן נישט זיין קיין מיטארבייט אין קיין שום פארם מיט א רעגירונג און מיט א רעזשים, וואס האט אויף זיינע פעהנער אויפגעשריבען די פערניכטונג פון סאציאליזם. פון דער אנדערער זייט וואלט די אפוועזענהייט פון דער פראקציע אויף דער זיצונג פון רייכסטאג בעוויזען דעם אר־בייטער־קלאס, אז דער דייטשער סאציאליזם האט זיך נישט אפגעזאגט פון קאמף און אז ער וואַרפט אפ די „גלייכשאלטונג" דאס הייסט, דאס אונטער־ווארפען זיך די פאדערונגען פון היטלעריזם.

אבער די פארלאמענטארישע פראקציע האט מיט א מעהרהייט שטימען אנגענומען נישט די שטעלונג פון פרעזידיום נאר גאר אנ'אנדער שטע־לונג. עס איז ווערט צו בעמערקען, אז א גרויסע צאהל דעפוטאטען פון לינקען פארטיי־פליגעל גע־פינען זיך אין די טורמעס אדער אין די קאנצענ־טראציאנס־לאגערן. דאגעגען דער רעכטער פלי־געל האט זיך געשטעלט אין קאמפלעט צו דער זיצונג און נישט קוקענדיג אויפ'ן געוואלטיגען פראטעסט פון לינקען פליגעל, האבען זיך די רעכ־טע ארויסגעזאגט פאר דער „גלייכשאלטונג". די רעכטע האבען דערביי זייער שטעלונג מאטיווירט אויף אזא אופן: די פאליטיק, מיט וועלכער מיר זענען מסכים, מוזען מיר אונטערשטיצען, אפילו ווען זי ווערט געפיהרט דורך אונזערס א געגנער. פון דער אנדערער זייט (און דער ארגומענט האט געמאכט א גרויסען איינדרוק) האט מען מורא, אז באם די סאצ.־דעמאקראטען וועלען איינאָרד־נען א דעמאנסטראציע אויף דער זיצונג פון רייכס־טאג, וועט דאס ברענגען נאך זיך א נייע מורא'דיגע כוואליע פון טעראר, און אלס קרבן וועלען פאלען נישט בלויז די מיטגלידער פון דער פראקציע.

די מיטגלידער פון צענטראל־קאמיטעט האבען אומ־זיסט געפרובט מיט אלע מיטלען שטערען אנצו־נעהמען אט די שטעלונג. דער פיהרער פון דער פארטיי, וועלס, וועלכער האט געהאט אויף דער ערשטער זיצונג פון רייכסטאג אין זיין זעהר נישט רעוואלוציאנערער רעדע דאך געווארפען די הער־טער: „מיר זענען וועהרלאז, אבער נישט עהרלאז", ער איז אויף דער זיצונג פון דער פראקציע נישט געווען. וועלס, הערץ, זאלמאן און אנדערע דע־פוטאטען זענען נישט געווען אנוועזענד אויף דער זיצונג פון דער פראקציע, ווייל ביי זיי איז גע־ווען פון פאראויס בעשלאסען נישט אונטערצוואר־פען זיך דעם בעשלוס פון די רעכטע.

א רייהע אנדערע דעפוטאטען, וועלכע זענען יא געווען אויף דער זיצונג פון דער פראקציע, זע־נען צו דער זיצונג פון רייכסטאג נישט געקומען. צווישען זיי איז אויך געווען דער רעדאקטאר פון „פארווערטס", שטאמפער, אנדערע ווידער, וועלכע האבען אין דער פראקציע געשטימט געגען דער מעהרהייט, זענען געקומען צו דער זיצונג פון רייכסטאג, אונטערווארפענדיג זיך דעם בעשלוס פון דער מעהרהייט און וועלענדיג אזוי ארום אויס־מיידען א קאנפליקט אין דער פארטיי.

מען דארף בעמערקען, אז דער מאמענט, ווען היטלער האט געענדיגט זיין רעדע און גערינג האט געלייענט די רעזאלוציע, וועלכע שטימט איין מיט דער פאליטיק פון דער רעגירונג, איז געווען אויסערגעוועהנליך דראמאטיש. אלעמענס אויגען האבען זיך געווענדעט צו די בענק פון די סאציאליסטען, וואו עס האבען געפעהלט 50 פערזאן (פון 120 מיטגלידער פון דער פראקציע זענען אנוועזענד געווען 70) ווען די סאציאליסטען האבען איינ־איינעם מיט די אנדערע געשטימט פאר דער רע־זאלוציע, האבען די נאצי אנגעהויבען זינגען: „דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אלעס". אלע דעפו־טאטען האבען מיטגעזונגען, מיט'ן אויסנאהם פון איניגע סאציאליסטען, וועלכע האבען אראפגעלאזט די קעפ און געשוויגען...

די גערעכטיגקייט פאדערט צו נאטירען, אז אנדערש ווי די סאצ.־דעפוטאטען פון רייכסטאג האט זיך אויפגעפיהרט די סאציאליסטישע פראק־ציע פון פריסישען לאנדטאג אויף דער זיצונג, וואס איז פארגעקומען א טאג נאך דער רייכסטאג־זיצונג: דא האבען די סאציאליסטען געשטימט גע־גען דער פריסישער רעגירונג. געגען ערטיילען איהר אונבעגרענעצטע פולמאכטען אויף דער גאנ־צער צייט פון לאנדטאג־קאדענץ.

די זיצונג פון לאנדטאג איז געווען אויסערגע־וועהנליך דראמאטיש. דער סאצ. דעפוטאט שילאט האט דורכגעלייענט די דעקלאראציע, אז די פראקציע זייגע איז געגען ערטיילען די פולמאכטען דער רעגירונג וואס אין איהר שפיץ שטייט גערינג, (דער מיניסטער פון דער רייכס־רעגירונג, איינע פון די שרעקליכסטע פיגורען אין איצטיגען טע־ראר־רעזשים). די ערקלערונג פון די סאציאליס־טען האט ארויסגערופען א פאגראם־שטורעם אין די רייהען פון די נאצי. דער פיהרער זייערער קובע האט אין א רעדע געענטפערט, אז דאס איז דאס לעצטע מאל, וואס מ'ערלויבט די סאציאליס־טען אויף אזא „פראוואקאטארישען" אופן צו רע־דען אין לאנדטאג, מעהר וועט אזעלכעס נישט פאסירען: „איהר, סאציאל־דעמאקראטען, האט ער געזאגט, האט נאך נישט דעם בעוואוסטזיין, אז איהר האט נאר צוויי זאכען צו ערפילען: שעה־מען זיך און שווייגען"!

ווען עס איז געקומען צו דער אפשטימונג און די סאצ.־דעמאקראטען זענען געבליבען זיצען אויף זייערע ערטער, האבען זיך די נאציאנאל־סאציאליסטען געווארפען צו זיי מיט אזא וואוט, אז עס וואלטען זיכער געווען בלוטיגע קרבנות, ווען נישט זייער אייגענער פיהרער קובע, וועלכער האט די צווישעטע באנדע אביסעל איינגעשטילט.

די סאציאליסטישע פראקציע פון פריסישען לאנדטאג האט אין א געוויסער מאס געראטעוועט דעם כבוד פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע און די בייסיגע קאריקאטור פון דער סאוויעטישער „איזוועסטיא", ווי א היטלעראייעץ שלעפט אין דער געבילדע פון רייכסטאג א דעקאראציע מיט אנ'אויפשריפט ס.־ד. בעציהט זיך נישט אויף די דעפוטאטען פון לאנדטאג.

דער קאנגרעס וועט זיין א פאליטישער

צוליב די רדיפות אויף די דייטשע יודען

אין אנ'ארטיקעל „וואס טוט די עקזעקוטיווע?" שרייבט ד"ר פ. ראטענשטרייך אין „די ציוניסטישע וואך" אין צוזאמענהאנג מיט דעם פארשטעהענדי־גען ציוניסטישען קאנגרעס:

דריי חדשים האבען מיר צום קאנגרעס. מיר האבען זיך לאנגע חדשים צו איהם צוגעגרייט. מיר האבען גערעכענט, אז ער וועט זיין א ווירטשאפט־ליכער קאנגרעס, דער ערשטער קאנגרעס, וואס זאל זיך נאר פערנעהמען מיט'ן ווירטשאפטליכען אויפ־בוי פון ארץ־ישראל.

אונזערע האפנונגען זענען צושטערט געווא־רען. די געשעהענישען אין דייטשלאנד האבען אונז און דעם גאנצען יודענטום אויפגעצוואונגען אנ'אנדער פראגראם. דער קאנגרעס מוז און וועט זיין א פאליטישער. מיר קאנען זיך נישט פאר־שטעלען, אז דער קאנגרעס זאל נישט זיין א גע־וואלדיגער אויפשריי פון א פערוואונדעט פאלק געגען דעם בארבאריזם אין דייטשלאנד, אז ער זאל נישט זיין א פראטעסט געגען די רדיפות, וועלכע מען פיהרט אן געגען אונזערע ברידער אין היטלעריסטישען דייטשלאנד, אין דער היגזיכט מוז דער קאנגרעס זיין געאייניגט, עס קאנען נישט פארקומען קיין מיינונגס־פערשידענהייטען, עס טא־רען נישט זיין קיין פראקציאנעלע איינשטעלונגען.

אבער עס וואלט געווען פאלש, ווען דער קאנגרעס וואלט נאר געווען א פראטעסט־קאנגרעס. דער קאנגרעס מוז געבען אנ'ארץ־ישראל'דיגע תשובה אויף דער עקסטערמינאציע־פאליטיק, וועל־כע ווערט אנגעפיהרט געגען אונז. און דא מוז קודם כל די עקזעקוטיווע קומען מיט אנ'אויסגע־ארבייטען, קאנקרעטען, רעאליזירבארען פראגראם. די עקזעקוטיווע איז אונזער רעגירונג. זי האט דעם חוב צוצופאסען איהר ארבייט און אונזער ארבייט אויפ'ן קאנגרעס צו דער נייער יודישער ווירקליכקייט, וועלכע איז ענטשטאנען אין די לעצטע חדשים. דאס פראגראם מוז זיין א דעטא־לירטעס, עס זאל וועקען צוטרוי און געבען די מעגליכקייט איהם צו רעאליזירען.

היינט איז שווער צו ווארטען. מיר שטעהען אין דערמיט פון א געוואלדיגען חורבן און האבען דעם חוב צו ראטעווען, צו העלפען און אויפ־צובויען. די גאנצע יודישע וועלט הערט זיך איין אין דעם, וואס די ציוניסטישע עקזעקוטיווע זאגט און וויל טון. ליידער האבען מיר ביז היינט גאר ווייניג געהערט פון דער עקזעקוטיווע. די לעצטע ענונציאציע פון דער עקזעקוטיווע איז נישט גע־ווען די תשובה, וועלכע מיר אלע האבען ער־ווארט. די עקזעקוטיווע האט אונז ענטוישט.

מיר ווילען נישט ווייטער ענטוישט ווערען. מיר וועלען זיך אויך נישט לאזען ענטוישען. מיר פערלאנגען און פאדערען, אז די עקזעקוטיווע זאל קומען מיט א גרויסען ברייטען פראגראם און זי זאל אין איהר פראגראם אנווייזען דעם וועג פון רעאליזאציע.

מיר פערשטעהען גאנץ גוט, אז אזא פראגראם לאזט זיך נישט גיך און לייכט מאכען. מיר פער־שטעהען גאנץ גוט, אז די פינאנציעלע און פאלי־טישע אויספיהרונג פון דעם פראגראם מוז לאנג צוגעגרייט ווערען. וואלטען מיר גאר נישט געהאט דאגעגען, אז דער טערמין פון דעם קאנגרעס זאל פערשאבען ווערען. מיר ווילען קאנקרעט ארביי־טען, מיר ווילען שאפען, מיר ווילען נישט נאר דעמאנסטרירען. עס זענען שוין פערביי די צייטען, ווען דער קאנגרעס איז געווען נישט מעהר ווי א דעמאנסטראציע. היינט איז ער אונזער פארלא־מענט. ער האט א פאליטישע אבער אויך א ווירט־שאפטליכע אויפגאבע. ביידע אויפגאבען ווילען מיר פרובען צו לעזען.

דער קאנגרעס אליין קאן פון זיך ארויס דאס פראגראם נישט ברענגען. ער איז נישט קיין שטענדיגע אינסטיטוציע, האט נישט זיינע קאמי־סיעס און רעפערענטען, איהם מוז מען דעם פלאן געבען. מיר וואלטען אבער נישט געוואלט ערשט אויף דעם קאנגרעס געוואהר ווערען ווי אזוי דאס פראגראם זעהט אויס. מיר ווילען קומען צום קאנגרעס צוגעגרייט, מיר ווילען אויף דעם קאנ־גרעס פאזיטיוו ארבייטען. מיר ווילען נישט נאר יא אדער ניין זאגען, מיר ווילען די פרטים גענוי קע־נען, כדי מיר זאלען קאנען יא־זאגען אדער קאנען פערלאנגען אויסבעסערונגען.

מיר מוזען ליידער מודה זיין, אז מיר פיה־לען נישט, דאס די עקזעקוטיווע הויבט אן צו טון אזא ארבייט. מיר פיהלען אפילו נישט די עקזע־קוטיווע אויפ'ן פאליטישען געביט. עס איז צו שטיל אין לאנדאן.

וועט זי בלייבען א שטימער צושויער, ווי זי איז עס ביי דער מיטעלשטאנד־עמיגראציע, וועלכע געהט היינט, דראהט די סכנה, אז דער דייטשער עמיגראנט קיין ארץ־ישראל וועט ראשית זיך נישט קאנען איינארדענען; שנית וועט ער, אויב ער וועט קומען מיט א ביסעל געלד, נישט זייענדיג אידעאיש צוגעבונדען צו ארץ־ישראל, געבען אר־בייט דעם אראבער, ווייל ער איז ביליגער. עס וואלט געווען א קאטאסטראפע. ווען דער דייטש־יודישער קאפיטאל זאל זיך געהען זיין אייגענעם וועג אין ארץ־ישראל. איך בין נישט קיין עטאטיסט, אבער ווייל עס בעשטעהט א בעגרינדעטע מורא, אז דער דייטשער עמיגראנט גייט קיין ארץ־ישראל ראטעווען זיך און נישט העלפען בויען ארץ־ישראל, קאן זיין, אז ער וועט העלפען בויען פא־לעסטינא פאר די אראבער אבער נישט ארץ־ישראל פאר אונז.

דאס מוזען מיר פאראויסזעהען און דא זיך מעגליך מאכען איינצושרייטען און זיכער צו שטע־לען א השפעה אויף דעם שטראם פון עמיגראציע, וועלכער געהט קיין ארץ־ישראל.

טיפען פון ארבייטער-בערלין

פערצייכענט פון א פוילישען זשורנאליסט

דער בערלינער קארעספאנדענט פון „קורייער ווילענסקי" ברענגט אין זיין לעצטען בריף עטליכע אינטערעסאנטע פערצייכנונגען פון טיפען און ביל־דער, וועלכע מען קאן ביים היינטיגען טאג בע־אבאכטען אין דייטשלאנד.

אט איז א בילד פון אנ'ארבייטער מיידעל, זי איז א קאמוניסטקע, הייסען הייסט זי עלזא, איך קען זי פון לאנג. איך פלעג מיט איהר נישט איינ־מאל דיסקוטירען וועגען סאוויעט־רוסלאנד. איך האב איהר געזאגט, אז דארט הערשט א הונגער, זי האט געענטפערט: בעסער איז אויסצוגיין פון הונגער אין לאנד פון פראלעטארישער דיקטאטור, איידער זיך איבערצופרעסען אין לאנד פון קאפיטאליזם.

דאס איז געווען א שטאנדפונקט. דאס איז נישט קיין רויזען־וואסער פון די ליגנערס פון דער „ראטער פאהנע" און אנדערע געצאהלטע אגענטען פון קאמוניזם. עלזא האט פון איהרע קאמוניסטישע איבערצייגונגען קיינמאל נישט געהאט קיין שום פערדינסט, זי איז געווען א קאמוניסטקע, איהר פאטער, דער זיבעציג־יעהריגער ארבייטער – א קא־מוניסט, איהרע ברידער און שוועסטער זענען גע־ווען קאמוניסטען. עלזא איז א קנויל פון נערווען און פון רעוואלוציאנערען ענטוזיאזם. אויב די פארטיי רופט, איז עלזא שטענדיג און אומעטום אין די ערשטע רייען, אויף דעמאנסטראציעס, אויף פערזאמלונגען, ביים פערטיילען פלוגבלעטלעך. ערב דעם מארש פון די היטלעראווצעס איבער די בער־לינער ארבייטער־קווארטאלען, האט די קאמוניס־טישע פארטיי גערופען צו קאנטער־דעמאנסטראציעס די פאליציי האט בעקומען דעם בעפעהל נישט צו זשאלעווען קיין קוילען.

– וועסט גיין? האב איך געפרעגט ביי עלזאן.

– כ'וועל גיין, האט זי געענטפערט.

– מ'וועט שיסען, האב איך געווארענט.

זי האט געלאכט: זאל מען שיסען, איינמאל שטארבט מען נאר, אבער זיי זאלען צונעהמען אונ־זער ליבקנעכט הויז – קיינמאל נישט! מיר וועלען אלע פאלען, אבער מיר וועלען דאס הויז נישט אפגעבען. אויב איך וועל מארגען נישט קומען אהיים דאן זוכט מיך אין מארג (דאס הויז וואו עס ווערען געהאלטען די טויטע קערפערס) האט זי געזאגט ביים געזעגענען זיך.

צומארגענס איז זי געקומען. זי איז געווען טויט בלאס, פחדנים! האט זי געשריען, שלינגענ־דיג די טרעהרען. פחדנים! אפגעגעבען אהן קאמף! אזא שאנדע! – אבער עס זענען דאך געווען צעהן טויזענט פאליציאנטען! האב איך געזאגט.

זי האט א שמייכעל געטאן: צעהן טויזענט פא־ליציאנטען! און וואו זענען געווען די הונדערטער טויזענטער רעוואלוציאנערע ארבייטער פון בערלין? וואו? ניין, ווען בערלין וואלט ווירקליך געווען רויט, וואלט מען נישט אפגעגעבען דאס ליבקנעכט־הויז אהן קאמף!

Dr. med. H. LUBICZ

ספעצ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה.

צעגעלניאנא 7, טע. 141-32.

נעהמט אן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאכמ. און פון 5–8 אווענד, זונטאג פון 9–11 בייטאג.

בערעק יאסעלעוויטש

זיין לעבן און ווירקונג

פון צבי מיזלער

בערעק יאסעלעוויטש איז געבוירען געווארען אין יאהר 1760 אין קרעטינגען, אין ליטא. וועגן זיינע קינדער־יאהרען איז גארנישט בעוואוסט.

שפעטער הויבט ער אן צו האנדלען מיט פערד און ארום יאהר 1785 ווערט ער א „פאקטאר" ביים ווילנער ביסקופ מאסאלסקי. אין שליחות פון זיין בעל־הבית, דעם ביסקופ פאהרט בערעק יאסעלע־וויטש קיין אויסלאנד. איירָאפא לעבט איבער די צייטען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע, איבעראל דרינגען אריין די פרייהייטס־לאזונגען. פוי־לען געפינט זיך אין אן אנאונזיכערער לאגע: א קע־ניג אהן מאכט, און גאנצען לאנד לאגערען פרעמ־דע מיליטער־גארניזאנען. די פאטריאטען קאנען נישט צוזעהן גלייכגילטיג די דאזיגע לאגע פון לאנד און הויבען אן א טיף פערצווייגטע פראפא־גאנדע.

עס ווערט געבוירען די שטימונג פאר'ן אויפ־שטאנד. די קאנסטיטוציע פון 3. מאי 1791 דערוועקט ביי אלע שיכטען פון פאלק גרויסע האפנונגען.

אויך דאס יודענטום ווערט אנגעשטעקט פון די בעפרייאונגס־אידעען און ענדליך געשעהט עס: קאשטשושקא פראקלאמירט פייערליך דעם אויפ־שטאנד אין קראקא אין יאהר 1794 און רופט אלע שיכטען פון פאלק צום קאמף פאר בעפרייאונג פון אומאפהענגיגקייט.

אלס איינער פון די ערשטע צווישען יודען רופט זיך אפ דער „ליטוואק" בערעק יאסעלעוויטש, נישט קוקענדיג דערויף, וואס זיין פרנסה־געבער, דער ווילנער ביסקופ האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די רוסישע פערקנעכטער, געגען דער נאציא־נאלער פוילישער רעגירונג פון קאשטשושקא. בע־רעק יאסעלעוויטש פערשטעהט גאנץ גוט, אז נאר זיין פערזענליכער אנטייל קאן נישט און וועט נישט פערענטפערען די פראגע, ער וויל וועקען דאס גאנצע פוילישע יודענטום צום קאמף פאר דער בעפרייאונג פון פוילען. ער פערשטענדיגט זיך מיט קאשטשושקאן, וועלכער בעהמט זעהר ווארעם אן דעם פארשלאג פון בערעק יאסעלעוויטש, נאמינירט איהם אלס פולקאווניק און גיט איהם די ערלויב־ניש אנצוהויבען א ווערבירונגס־אקציע מיט'ן צוועק צו שאפען א יודישען קאוואלעריע־פולק.

בערעק יאסעלעוויטש בעהמט זיך צו דער אר־בייט מיט גאנצען ברען און אין א קורצער צייט געלינגט איהם צו שאפען א רייטער־רעגימענט, וועלכער איז בעשטאנען פון בלויזע יודען. בערעק ווערט דער אנפיהרער פון פולק. ליידער איז איהם נישט בעשערט געווען לאנג צו פרעהען זיך.

אין הערבסט 1794 האט דער גרויזאמער רו־סישער גענעראל סובאראוו אנגעהויבען א מארש אויף ווארשא, אן דער שפיץ פון א גרויסער ארמעע. דאס פוילישע מיליטער, דערונטער אויך דער יו־דישער פולק אונטער דער אנפיהרונג פון בערעק יאסעלעוויטש, האט זיך קאנצענטרירט ארום פראגא, די פארשטאט פון ווארשא.

ביים פערטיידיגען די פראגער בעפעסטיגונ־גען, האט העלדיש געקעמפט דער יודישער פולק. די רוסישע איבערמאכט האט אבער צונישט געמאכט די אנשטרענגונגען פון די העלדישע פערטיידיגער און סובאראוו האט איינגענומען ווארשא, מאכענדיג דערביי די בעקאנטע שחיטה פון יודען אין פראגע — ווארשא.

פון גאנצען בערעק יאסעלעוויטש'ס פולק איז קנאפ וואס געבליבען, כמעט אלע זענען געפאלען אין דער שלאכט ביים פערטיידיגען די פוילישע הויפטשטאט. בערעק יאסעלעוויטש אליין מיט עט־ליכע זיינע זעלנער אנטלויפען קיין עסטרייך און פרובען דארט שאפען א יודישע אפטיילונג, בע־זיינע בעמיהונגען האבען אבער נישט קיין ער־פאלג.

אין דער צייט בעקומט די מכה אין פראנק־רייך נאפאלעאן און אלע אנטלאפענע פוילישע פאט־ריאטען לייגען זייערע גאנצע נאציאנאלע האפנונ־גען אויף פראנקרייך.

אין איטאליען שאפט דער פוילישער גענעראל דאמבראווסקי די לעגיאן, בערעק יאסעלעוויטש, שטעלט זיך אין דינסט, ווערט זעהר הארציג אויפגע־נומען פון דעם פוילישען פיהרער (פארהאן א בריף־אויסטויש צווישען בערעק יאסעלעוויטש און גענעראל דאמבראווסקי)! און הויבט אן זיין דינסט אין דער א. ג. „לעגיא נאדדונאיסקא", מיט וועל־כער עס פיהרט אן דער גען. קניאזעוויטש.

בערעק יאסעלעוויטש בלייבט אויך דא דער־זעלבער בראווער זעלנער, כאטש ער איז שוין נישט קיין אנפיהרער פון א פולק, ער צייכענט זיך אויס אין א סך שלאכטען, האט אבער אויך גרויסע צרות, צוליב זיין יודישקייט, די פוילישע אפיצירען קאנען נישט פערטראגען, וואס דער „זשיד" קעמפט מיט פאר פוילענס בעפרייאונג. בערעק יאסעלע־וויטש ווערט געצוואונגען צו פערלאזען די „לעגיא נאדדונאיסקא" און טראגט זיך אריבער אין אנ־אנדער אפטיילונג.

פאר זיינע העלדנטאטען ווערט בערעק יאסע־לעוויטש אויסגעצייכנט מיט דעם, דאן געשאפענעם פוילישען העכסטען מיליטערישען אָרדען: „ווירטוטי מיליטארי". אויסערדעם ווערט ער אויס־געצייכענט מיט דעם פראנצויזישען אָרדען כבוד „עהרען־לעגיאן".

פריהלינג 1809 ברעכט אויס א מלחמה מיט עסטרייך־אונגארן, בערעק יאסעלעוויטש נעהמט אן טייל אין דער מלחמה אלס שוואדראן־שעף.

דעם 5. מאי 1809 געפינט ער זיך מיט זיין אפטיילונג אין קאצק, פערפלאנטערט זיך צווישען די שלאכבאנעס אויפ'ן מארק, ווערט בעפאלען פון א גרויסער אפטיילונג פון פיינדליכער אונגארישער קאוואלעריע און נישט וועלענדיג זיך אונטערגעבען דעם שונא, פאלט ער, אין קאמף פאר פוילענס בעפרייאונג פון פרעמדען יאך.

דער אנפיהרער פון דער אונגארישער ארמעע האט געשיקט קיין ווינען א ספעציעלען ראפארט וועגן בערעק יאסעלעוויטשעס טויט, בעצייכנענדיג דאס אלס גרויסע דערגרייכונג ביים אפשוואכען פוילען.

בערעק יאסעלעוויטשעס קבר געפינט זיך נעבען קאצק אין גוט פון גראף זשולטאווסקי.

ווי בעקאנט איז אין דער פאריגער וואך דארט פארגעקומען א פויליש־יודישע פייערונג ביים ענט־הילען די מצבה אויף זיין קבר.

מאסקווער „פראוודא" וועגן די ביכער־פערניכטונגען און פערפאלגונגען פון יודישע געלעהרטע אין דייטשלאנד

מאסקווע (יט"א) „א שפיל מיט פייער" איז דער נאמען פון א לאנגען ארטיקעל פון בעקאנ־טען פובליציסט ד. זאסלאווסקי אין דער מאסקווער „פראוודא".

דעם 10־טען מאי, ווערט געזאגט אין ארטי־קעל, זענען די וויכטיגסטע שטעט אין דייטשלאנד בע לויכטען געווארען מיט פייערן, דאס האט ביי דער בעפעלקערונג קיין אומרוהע נישט ארויסגערו־פען: אלע האבען געוואוסט, אז דאס ברענט נישט דער רייכסטאג, נאר בלויז ביכער, און דאס איז אינטערעסאנט אנצוקוקען, ווייל שוין העכער 200 יאהר, ווי מענשען האבען נישט געזעהן קיין אויטא־דא־פע, וואס בעווייזט אויף פארטוגעזיש — אנ'אקט פון גלויבען.

אויסרעכענענדיג די נעמען פון די שרייבער, וועמענס ווערק עס זענען פערברענט געווארען, זאגט דער שרייבער: אויף די שייטער־הויפענס פון דער אויטא־דא־פע האבען געברענט ביכער, וועל־כע האבען בעריהמט געמאכט די דייטשע ליטעראטור אין דער גאנצער וועלט. א סך וויכטיגער ווי די פערניכטונג פון ביכער איז די אויסראטונג פון דער וויסענשאפט. די קלאוונישע שייטער־הויפענס ציהען אפ די אויפמערקזאמקייט פון דעם פאג־ראם, וואס קומט פאר אין די אוניווערזיטעטען אינסטיטוטען, קליניקעס, לאבאראטאריעס. דא איז אויך צוריקגעשטעלט געווארען דאס מיטעלאלטער. פון איין עק דייטשלאנד ביזן צווייטען, טראגט זיך דער רוף פון געהעטא־צייטען און „הייליגער אינקוויזיציע": „דער יודע ווירד פערבראנדט"!

די איצטיגע הערשער פון דייטשלאנד — שרייבט ווייטער זאסלאווסקי — מוזען אזוי האנד־לען, כדי פסדר צו האלטען אין הויכער שפאנונג די נאציאנאליסטישע, שאוויניסטישע, חיה'שע איב־סטינקטען פון די אפגענארטע קליינבירגערליכע מא־סען. די נאציאנאל־סאציאליסטען ציהען אפ די אויפמערקזאמקייט פון די מאסען דורך עפעקטפולע פאראדען און נאכט־פייער'ן, אבער דאס איז א שפיל מיט פייער. די ארבייטסלאזע אינטעליגענץ קאן מען אויף א ווילע אנזעטיגען דערמיט. וואס מען וועט זיי בעפרייען פון דייערע קאנקורענטען — די יודישע דאקטוירים און אדוואקאטען. אבער יו־דען אין דייטשלאנד זענען אינגאנצען פארהאן בלויז 600 טויזענד, און ווען אפילו מען זאל זיי אלעמען פערברענען אויפ'ן שייטער־הויפען וועט עס אויך נישט לעזען די סאציאל־עקאנאמישע פראבלעמען, וואס שטעהען פאר דער רעגירונג. די וואלפער־גיען־בעכט קאנען אייביג נישט דויערען. די שיי־טער־הויפענס ווערען אויסגעלאשען, הונגער און אר־בייטסלאזיגקייט פערבלייבט. ברענען ביכער קאן יע דער דייטשער שוטה. א סך שווערער איז דרוי־קען ביכער און געבען ארבייט מיליאנען ארבייטס־לאזע. שפילענדיג מיט פייער קאן מען אונטערצינ־דען די וועלט. אבער מען קאן אליין אויך, פער־ברענט ווערען".

האקענקרייצלער־איבערפאלן אויף יודן

אין עסטרייכישער פראווינץ

ווינען (יט"א) אין דער לעצטער צייט מעה־רען זיך היטלעריסטישע איבערפאלען אויף יודען אין די עסטרייכישע פראווינץ־שטעט. בעת די טאג־טעגליכע האקענקרייצלערישע דעמאנסטראציעס אין די הויפטשטעט פון די עסטרייכישע בונדעס־לענדער ליידען די יודישע איינוואוינער, ספעציעל די גע־שעפטסלייט גרויסע שאדען, עס ווערען דערביי אויסגעהאקט טייערע פענסטער און גלאז־טירען. די טעג האבען זיך אנגעהויבען איבערפאלען אויף אויף יודען, וועלכע בעווייזען זיך אין גאס. אזוי איז א גאנצע גרופע נאצי־יוגענד בעפאלען אין סאנקט־פעלפעל עטליכע שפאצירענדע יודישע פרויען, געטריבען זיי גאסענוויז און זיי נאכ־געווארפען שווערע שטיינער ביז אין שטוב אריין. פון די געווארפענע שטיינער דורך די אויסגעהאק־טע פענסטער זענען צוויי יודישע פרויען פער־וואונדעט געווארען.

די פאליציי שטעלט פעסט אין איהר בעריכט, אז די ארעסטירטע 4 נאצי־יונגעלייט האבען אפען מודה געווען, דאס זיי פיהרען אויס אזעלכע אנטי־סעמיטישע שטיק, לויט'ן בעפעהל פון זייערע שטורם אפטיילונגען.

א מעשה אהז אנ'עק

(סקיצע)

פון ליארא קויפמאן

אננא, א רויט־האריגע יונגע פרוי, איז צוגע־גאנגען צום מאן און, ארויפלעגענדיג די האנט אויף זיין אקסעל, האט זי אריבערגעקוקט איבער זיין קאפ:

— וואס שרייבסטו?

דער מאן האט אויפגעלעגט זיין ברייטע האנט אויף דעם בריף, פערדעקענדיג איהם, און האט אונצופרידען ארויסגעווארטשעט:

— נו... ס'הויבט זיך אן! כ'שרייב עפעס...

אננא איז רויט געווארען:

— וויהער בעהאלסטו פון מיר?

— הער אויס, אננא, מיך האט דערעסען דיין איינפערזוכט! דאס איז אומערטרעגליך! נו, יא, איך שרייב! איך שרייב א בריף צו מיין געליבטער! נא, זעה!...

און ער האט איהר צוגערוקט דעם בריף.

— איך וויל נישט לייענען! — האט אננא א קוויטש געטאן. פונדעסטוועגען האט זי דערוויל בעוויזען צו בעמערקען, אז דער בריף איז געווען צו דער שוועסטער זיינער.

מאן און ווייב האבען זיך צוקריגט, אננא האט איהם אריינגעזאגט א סך ביטערע ווערטער. דער מאן האט זיך בלויז אפגעמוייסעלט.

דערנאך האט אננא אנגעטאן דאס מאדערנע היטעלע און דעם מאנטעל מיט די פראכטפולע ארבעל, און האט סטראשענדיג א זאג געטאן;

— איך געה אוועק! בלייב דיר אליין!

דער מאן האט זיך נישט אומגעקוקט.

דאס האט אננא'ן אויפגעבראכט מעהר ווי אלץ. איהר האט זיך געוואלט ארויסשרייען צום מאן עפעס שרעקליכעס, אויסזידלען איהם, בעליידיגען איהם, אזוי, אז ער זאל אזש אונטערשפרינגען, ער זאל אויפגעקאכט ווערען. זי האט אבער נישט בעפונען די נויטיגע ווערטער. „נו, ווארט, איכ'ל דיר שוין ווייזען!..." האט זי אויסגעשפעטשעט.

און דא טאקע האט ביי איהר אויפגעבליצט א געדאנק: אז זי וועט זיך שוין אן איהם נוקם זיין!

די נקמה, וואס אננא האט צוגעקלערט, איז געווען נישט קיין ביטע און נישט קיין אָריגינעלע, דאס איז געווען א געוועהנליכע, ריין־פרויאישע נקמה, און נישט איינמאל האט זיך אננא שוין בע־נוצט מיט איהר...

— סודות האט ער! בעהאלט בריף! קוקט זיך נישט אום אויף מיר!..

אויף דער גאס, אונטער דער ווירקונג פון דעם קיהלען פריהלינג־ווינטעל, האט זיך איהר כעס אביסעל איינגעשטילט. זי האט איהם אבער נישט געלאזט אויסלעשען זיך, זי האט איהם אליין אויפגעבלאזען:

— נעהל ער דארט זיצען און ווארטען אויף מיר! זאל ער דארט געהען צום טיש אהן מיר! זאל ער!..

ארומגעדרעהט זיך אביסעל אויף דער גאס, איז אננא אריין אין א טעאטער, נאר שפעטער מיט א האלבער שטונדע איז זי פון דארטען ארויס און איז צוגעפאהרען צו איהר פריינדין עליזאבעט.

די צייט האט זיך געצויגען לאנגזאם־לאנגזאם. ביז צום אוונט איז נאך געווען אזוי ווייט.

— וואו ביזטו געווען אזוי לאנג? איך האב שוין איבערגעטראכט... — האט דער מאן זי בעגעגנט.

אננא האט נישט געענטפערט.

— האסט געגעסען? איך האב געווארט אויף דיר, — האט ער געזאגט.

אננא האט ווידער נישט געענטפערט, זי האט פון זיך אראפגענומען דאס היטעלע און דעם מאנטעל מיט די פראכטפולע ארבעל און האט איהם צוארע־דיג אויפגעהאנגען.

— וואס? דו ביזערסט זיך נאך אלץ? — האט זיך דער מאן געוואונדערט, — נארעלע.

און ער האט זי געוואלט אננעמען פאר דער גאמבעלע. האט זי, אננא, אבער האסטיג אפגעשטויסען זיין האנט און האט זיך דעמאנסטראטיוו געלאזט געהען צו זיך אין צימער אריין. זי האט איצט אנגעהויבען צו שפירען די קראפט איהרע.

די צייט פון נקמה האט זיך דערנעהנטערט.

— אבער דאס איז דאך אזוי נאריש, אננא!

— האט געזעהט דער מאן, זיצענדיג ביי איהר צו־פוסענס (אננא איז געלעגען איבערגעדעקט מיט דער קאלדרע איבער'ן קאפ). — נאריש, וואס נארי־שער קען שוין נישט זיין. דו פער'סמ'סט מיר דאס לעבען מיט דיין איפערזוכט. „וואס שרייבסטו"? וואוהין געהסטו? וואס טראכסטו?" כ'שרייב, כ'געה, כ'טראכט... איך בין א לעבעדיגער מענש. דו ווייסט, איך האב דיך ליב און זוך נישט קיין אפער־רעס מיט אנדערע פרויען. נו, וואס ביזטו אנטלאפען אויף א גאנצען טאג פון דער היים? וואס האסטו געטאן? געגעסען מסתמא אין קינא און דער־נאך געגעסען מיטאג ביי עליזאבעט'ן?

אננא האט נישט געענטפערט, אונטער דער קאל־דרע האט א זיגרייכער שמייכעל געשפילט אויף איהרע ליפען.

די צייט פון נקמה איז געקומען.

— נו, גענוג שוין, אננא! מאך זיך נישט נא־ריש. איך האב דאך דיך ליב. — און ער האט זיך בעמיהט אוועקצונעהמען פון איהר געזיכט די קאל־דרע. זי האט זי אבער פעסט צוגעהאלטען מיט די איינגעקלאמערטע הענט.

די נקמה איז געווען אזוי זיס.

— אננא! אט וואס איך וועל דיר זאגען: ווען דו וואלסט געהאט עפעס א בעשעפטיגונג, אדער... ווען מיר וואלטען געהאט... א קינד. אננא, וואלט געווען בעסער.. דו וואלסט דאן זיך נישט אומגע־קוקט אויף נארישקייטען. בין איך גערעכט, צי ניין?

זיין קול האט געקלונגען צארט לעבען איהר אויער, נאר די קאלדרע האט זי געהאלטען פעסט. זי האט זיך אזש איינגעביסען אין איהר מיט די ציינער.

זי האט זיך מיט הנאה איבערגעגעבען דעם גענוס פון נקמה.

זאל ער! זאל ער זיצען אזוי אפילו די גאנצע נאכט! זי וועט זיך קיין ריהר נישט טאן! זאל ער וויסען, ווי צו שעצען זי.

עס איז געקומען א לאנגע פויזע, דערנאך האט דער מאן אומעטיג געזאגט:

— אננא! איך זעה, אז דו האסט אינגאנצען פערגעסען אונזער ליבע. אלצדינג, געדענקסטו, ווי מיר האבען פערבראכט אונזער ערשטען זומער, ווען מיר האבען זיך נאר־וואס געהאט פערליבט? גע־דענקסט, ווי מיר זענען איינמאל אפגעזעסען א גאנצע נאכט אויף דער ווערטאנדע. קוקענדיג אויף די פייער־פליגעלעך?

אוודאי געדענקט זי, ווי קאן זי דאס נישט גע־דענקען? איהר האט זיך דעמאלט געדאכט, אז נישט זי זיצט אויף שטייענערנע טרעפ, נאר זי פליהט אין דער לופטען, אזוי גליקליך איז זי געווען!

— און געדענקסטו אננא, ווען איך בין קראנק געווען, האסטו קיינעם נישט געלאזט צוטרעטען צו מיר, דו האסט זיך אליין געפאטשעט ארום מיר, רייז קירענדיג אנצושטעקען זיך פון מיר, און דו האסט געזאגט, אז דו וועסט נישט לעבען אהן מיר?

אוודאי! אננא האט א ציטער געטאן אונטער דער קאלדרע. אויך זי, די קאלדרע. האט זיך עפעס ווי פון זיך אליין אראפגעגליטשט פון אננא'ס גע־זיכט, אנטפלעקענדיג א פערוויינט פנימ'על און א ראהם פון רויטע האר. זי האט איהם ארומגעכאפט מיט דער ליבער האנט ארום דעם האלז. און ער האט מיט זיין רעכטער האנט ארומגענומען זי ארום די אקסלען.

מיט א שטיקעל צייט שפעטער אויף א דאנסינג איז אננא צוגעקומען צום מאן און האט כאפענדיג גיך גענומען רעדען:

— איך בעט דיך, לאז אפ די גראבע מויד! דו טאנצסט נאך מיט איהר, אלע בעמערקען דאס! עליזאבעט פרעגט: „וואס, ער איז פערליבט אין איהר, צי וואס?

— אהא! עס הויבט דיך שוין אן! ווידער אמאל איפערזוכט! ניין, אננא, ס'איז שוין צייט, דו זאלסט דיך אפגעוועהנען פון דעם! אט, ווייל אזוי, וועל איך טאקע ווידער אמאל טאנצען מיט דער זעלבער מיידעל!... געוועהן זיך אפ!

און, אונטערגעכאפט דאס גראבע מיידעל, האט ער זיך געלאזט טאנצען מיט איהר.

אננא, א בלאסע, בייסענדיג זיך די ליפען, האט זיך ארומגעדרעהט צווישען די געסט און בע־טראכט:

— אזוי גאר! ווארט, איך וועל איהם שוין ווייזען! ער לאכט זיך נאך אויס פון מיר! און ווי די גראבע מויד האט עס א קוויטש געטאן גלייך מיר אין פנים אריין! א, איך וועל זיך שוין אן איהם נוקם זיין! נאך היינט טאקע!

און זי איז אפילו פרעהליכער געווארען, פיבע־רענדיג אין פאר־אויס די זיסקייט פון נקמה...

מוזיקאלישע נאטיצען

„וואלפורגיס-נאַכט" פון מענדעלסאָהן-באַרטאָלדי
אויסגעפיהרט פון „הזמיר"-כאָר

מענדעלסאָהנ'ס ווערק, הערט מען מיט פריי-דיגען נחת. זיי צייכענען זיך אויס, סיי אין פאָרם, סיי אין אינהאַלט, מיט ליכטפולער קלאָרקייט.

זיס אָננעהמע מעלאָדיעס פלעכטען זיך צוזאַמען מיט שעהן-מאָדערנע, אָבער נישט מאָ-דערן-קאָמפּליצירטע האַרמאָניע, און הויכען אויס גראַציע, ריין, צויבער, בעזונדערס ווען דער מייסטער שילדערט מוזיקאַליש, דיסקרעט אין זיינע ווערק אַזוי אָפט ערשיינענדיגע נימפען, ניקסען, עלפען (פאַרלעצטער נומער אין „וואלפורגיס-נאַכט" „זומערנאַכטסטרוים" א. א.)

ווי אַ זיידערנער פאָדים ציהט זיך אָט דער דאָזיגער צויבער אין אַלע מענדעלסאָהנ'ס ווערק, ווי אין די גרויסע (אָראַטאָריומס, סימפאָניעס, אובערטורען, פסאַלמען, באַלאַדען און קאַנטאַטען), אַזוי אין זיינע קלענערע ווערק (לידער מיט און אָהן ווערטער).

אין זיינע „פסאַלמען" קומען נאָך צו אויסער צויבער, ריין און גראַציע — פאַרנעמקייט טיפע ערנסט און ערהאַבענקייט.

אַלס „שפּראַצלינג" פון דוד המלך בעזינגט ער אַזוי הערליך דעם תהלים. דער „געשריי פון הירש" (כאיל תערג על אפיקי מים" תפ. מ. ב.) בעשפּפּטיגט דעם מייסטער, און זעצט איהם אין פראַכט-קלאַנגען און טענער אַזוי גרויסאַרטיג, אַז דער געשריי ווערט אַ געזאַנג, מיט וועלכען עס פּאַסט צו לויבען גאָט... — אַ געזאַנג, אין וועל-כען מען פיהלט שטאַרק דעם עלעגישען גרונד-טאָן פון די אייביג-ליידענדיגע נשמות פון די אַבטריניגע דוד המלך'ס „שפּראַצלינגס"... — די אויסגעפיהרטע פון „הזמיר" „וואלפורגיס-נאַכט" איז א וועלטליכע באַלאַדע-קאַנטאַטע אין געגענזאַץ צו די קירכליכע קאַנטאַטען, מאָטעטען, און הימנען, וועלכע מענ-דעלסאָהן האָט אַזוי פיל געשריבען. זי שילדערט טרעפליך די לעגענדע פון די הייליגע וואלפורגי-דעס וואַכען גלויבען אין גאָט פון איין זייט, און דעם פריהלינגס-יום-טוב, דעם גלויבען אין דער נאַטור, פון דער אַנדערער זייט.

דער גלויבענס-עקסטאַז און דער גלויבענס-כשוף אין דער נאַטור קאָנטראַסטירט מענדעלסאָהן אַזוי הערליך-שעהן, אַז עס לוינט זיך די גרויסע מיה און נאָך גרעסערע קאָסטען, דאָס ווערק איינ-צושטודירען און אויפצופיהרען.

די אויפפיהרונג פון ווערק דורכ'ן „הזמיר"-כאָר, איז געווען אונערוואַרטעט גוט.

מיט רעזערווירטע שפּאַנונג איז מען געגאַנ-גען הערען (מעהר דעם סאָליסט) דעם ניי-געגרינ-דעטען „הזמיר"-כאָר, וועלכער האָט זיך נאָכן בע-וואוסטען „קריזיס" פון צייט-צו-צייט בעוויזען אויפ'ן אויבערפלאַך אָהן מוט, אָהן ערפאָלג, אַזוי ווי שעמענדיג זיך וואָס ער קען נישט דערהאַלטען דעם רוהם פון דעם אַמאָליגען „הזמיר"-כאָר, און פלוצלינג דערזעהט מען אויף דער עסטראַדע אַ גרויסען כאָר, אין וועלכען מען הערט אַרויס גוט קלינגענדיגע שטימען, בעזונדערס סאָפּראַן און אַלט, אויך גוטע מענער-שטימען, און זינגען אונ-טער די יוגענדליך-ענערגישע לייטונג פון זייער נייעם מוזיקאַלישען דיריגענטען פּראָפ. י. זאַקס; זיכער, ריין, ריטמיש און דינאַמיש די גרויסע קאַנטאַטע „וואלפורגיס-נאַכט" פון מענדעלסאָן. איז דאָס כשוף?

ניין. דאָס איז פלייסיגע אַרבייט מיט נאָך פלייסיגערע מיטאַרבייט פון כאָר און פאַרוואַלטונג. נ אָ ר ביי אַזאַ פלייסיגע אַרבייט איז מעגליך גע-ווען, אָהן כשוף איינצושטודירען אַזאַ ווערק אין אַ משך פון צוויי מאָנאַטען און איינצושטודירען אַזוי גריגדליך, אַז מען זאָל הערען אַזאַ ליכטיגע און פרייד-געזאַנג ווי פון פרויען-כאָר בעזונגענער פריהלינגס-יום-טוב „אביב יעלוו, האור יצוו".

הערענדיג דעם געזאַנג, האָט מען ממש געפיהלט דעם הויך פון פריהלינג.

קאָרעקט, פּרעציז זענען אויך געזונגען גע-וואָרען די איבעריגע כאָר-נומערן, בעזונדערס דער זעקסטער נומער.

דעם קאָנצערט האָט בעדירט דער ה' ישראל אַלטער.

דער אויסדרוק, דער ריין, מיט וועלכע דער מייסטער-זינגער אין פיינסטען זין פון וואָרט זינגט מענדעלסאָהנען, זיין מאַיעסטעטישע רוה, די קינסט-לערישע טאָנגעבונג, די פולקאָמענע אָטעם-טעכניק און צום סוף די האַרציג-מאָדולירענדיגע זילבער-קלאָרע טענאָר-שטימע — צווינגט אַלעמען מיט פרומע כוונה צו הערען און הערען אָהן אַ סוף אַזוי ווי וועלענדיג אויף לאַנג, לאַנג, בעהאַלטען די ווירקונג פון דעם ספּעציפיש-אַלטער-געזאַנג. אַ בעסערען „דרואיד"-סאָליסט פון „וואלפורגיס-נאַכט" האָט זיך מענדעלסאָהן אַליין נישט געוואונשען.

די איבריגע סאָליסטען פרוי ר. לעווין, די ה"ה ז. לעווין און י. העכט האָבען געזונגען זייערע פּאַרטיען בשלימות. דער אָרקעסטער און דער קאַנ-טאַטע איז געווען זעהר גוט.

D-ski

15-יעהריגער יובל פון דער באַראַכאָוו-שול

איז הערליך געפייערט געוואָרען אין „סקאלא"-טעאטער

שבת פאַרמיטאָג איז אין סקאַלא-טעאַטער פאַרגעקומען די פייערונג פון 15-יעהריגען יובל פון דער לאָדזער באַראָכאָוו-שול. דאָס איז געווען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע פאַרן יודישען שול-וועזן. דער זאַל איז געווען איבערפולט. די סצענע איז געווען דעקאָרירט מיט די פאַנער פון דער באַראָ-כאָוו-שול „פּועלי-ציון", „יוגענד", „יוגנבאַר" און דער שול-פאָהן.

דער שוהל-כאָר אונטער דער לייטונג פון הערץ רובין האָט געזונגען זייער שיין פאָלגענדע לידער: „דער פויקער" פון י. באָקסט, מוזיק פון מ. מילנער. „עלעגיע" פון א. קאָוונער, לויט אַ רוסישען מאָטיוו, „רוט דער האַמער" און „שטייען יאָטען" פון איציק פעפער, מוזיק פון מ. געלבאַרט.

ה' ש. צדעלמאַן האָט געהאַלטען א רעפעראַט וועגען דער געשיכטע פון יודיש-וועלטליכען שול-וועזען אין פוילען און וועגען מסירת-נפש פון די יודישע אַרבייטער און לעהרער פאַרן קיום פון די יודישע וועלטליכע שולען, וואָס האָבען אויסצו-שטיין גרויסע מניעות אין זייער ענטוויקלונג.

עס האָבען באַגריסט: י. סטאָלאַרסקי, ראַט פון די פּראָפ. פאַריינען, ליסער — פון צענטראַלען עלטערן-קאָמיטעט פון די באַראָכאָוו און פּרץ-שולען, אַנטיגנוס פון בעוועזענע שילער, און ה' בראַנד פון דעם לאָדזער „פּועלי-ציון"-קאָמיטעט.

דער לייטער פון דער באַראָכאָוו-שול ה' א. קאַגאַן האָט בעקומען אַ רייה מתנות פון די שילער, עלטערן און די לעהרער. דערנאָך איז פאַרגעקומען די פייערליכע ענטהילונג פון דעם באַראָכאָוו-ביוסט, אויסגעפיהרט פונם לאָדזער טאַלענטירטען סקולפּטאָר ה. כיימאָוויטש. די באַראָכאָוו-סטאַטוע איז אַ מתנה פון די שילער פון די באַראָכאָוו- און פּרץ-שולען צום 15-יעהריגען יובל פון דער לאָד-זער באַראָכאָוו-שולע.

ה' עדעלמאַן האָט נעדאַנקט אין נאָמען פון די שילער און שול-קוראַטאָריום דעם סקולפּטאָר כיימאָוויטש פאַר זיין אַרבייט. דער עולם האָט איהם בעשאָנקען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען.

די קליינטשיקע 4—5 יעהריגע קינדערלאַך פון דער שורעק-קינדער-היים אין באַלוט האָבען אויסגעפיהרט פּרעכטיג אַ ריטמיש בילד לויט נסתר'ן „שמענדריקלעך-פּאַיאַצלעך", וועלכע האָט אַרויסגערופען גרויס בעגייסטערונג ביים עולם.

„אין וואַלד", אויף פּויליש, אַ קינדער-אָפּערע מיט באַלעט האָט בעוויזען, וויפיל זאָרג-פעלטיגקייט און ליבע ס'איז אָנגעווענדעט בנוגע די קינדער און אַז די קינדער פון די יודישע וועלטליכע שולען שפּילען און רעדען אַ פּליסיגען און קאָרעקטען פּויליש.

דער בעקאַנטער דיכטער ל. מלאך האָט ספּעציעל אָנגעשריבען אַ סצעניש בילד אין 2 אַק-טען אונטערן נאָמען „דאָס ליד און אַפּאָטעאָז פון אַרבייט" וועלכע פאַרמאָגט אַ גאַנצע רייה עפּיזאָדען: „פויערים גרופּע", שאַכטיאָרען גרופּע, שמידער גרופּע, פאַנען טאַנץ און אַפּאָטעאָז. דאָס בילד איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די קינדער פּלאַסטיש וואָס האָט מיטגעריסען דעם פּרואַמעל-טען עולם צו אַפּלאָדירען דעם מחבר און די שילער.

צום סוף איז פאַרגעקומען גימנאַסטישע נומערן אונטער דער לייטונג פון י. בערלינסקי. די טענץ זענען איינגעשטעלט געוואָרען דורך זינאַ קרוש, אַקאָמפּאַנירט האָט ע. ראָזענבערג.

די פייערונג האָט בעוויזען וואָס פאַר אַ איבערגעגעבענקייט און ליבע ווערט געפּלעגט אין דעם יודישען שול-וועזען און וויפיל מסירת נפש ס'לעגען דערין אַריין די שול-טוער און לעהרער.

בעגריסונגען זענען אָנגעקומען פון צ. ק. „פּועלי-ציון" צ. ק. „יוגענד", צענטראַלער „יוגנ-באַר", זרבבל, יודישע שול-אָרגאַניזאַציע וואַרשאַ. הויפּט פאַרוואַלטונג פון לעהרער-פאַראיין פון די יש"א-שולען, ארץ-ישראל - פּועלי ציון, פּאַריזער פּועלי-ציון, ווינער פּועלי-ציון א. א.

צי איז מעגליך דער אריינטריט פון די רעוויזיאניסטען אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע

ס ש ר ב א ָ ה ו י ז (ט"א) וואָל. זשאַבאָטינסקי. וועלכער געפינט זיך איצט אין רומעניען האָט אין אַ געשפּרעך מיט'ן יט"א-פאָרשטעהער, איבערגע-געבען איניגע פּרטים וועגען פאַרשידענע אַקטועלע יודישע און ציוניסטישע פראַגען.

— צי איז געמאָלט, אַז די רעוויזיאָניסטען זאָ-לען אַריינגעהן אין דער נייער ציוניסטישער עקזע-קוטיווע?

— עס בעשטעהט נישט קיין שום צווייפעל — האָט זשאַבאָטינסקי געענטפערט, אַז פאַרשידענע ציוניסטישע ריכטונגען דערנעהנטערען זיך איצט אין פיל הינזיכטען צום רעוויזיאָניסטישען שטאַנדפּונקט. ווי למשל, אין די פראַגען: יודענשטאַט אַלס ציל, די אָפּשאַפונג פון דער יודישער אַגענץ א. א., דער-בעי שיינט מיר פאַר נישט אויסגעשלאָסען, אַז אין דער קינפטיגער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, זאָל יאָ מעגליך זיין אַ צוזאַמענאַרבייט פון די רע-וויזיאָניסטען מיט איינער אָדער מיט צוויי אַנדערע פּאַרטייען.

רעדענדיג וועגען די הויפּט-אויפגאַבען פונ'ם 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, האָט ה' זשאַבאָ-טינסקי געזאָגט, אַז די קאָלאָסאַלע אויפגאַבען פונם 18-טען קאָנגרעס דאַרפען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ מעכטיגע מאַניפעסטאַציע פאַר דער אידעע פון יודענשטאַט און אַן אַנהויב פאַר דער דורכפיהרונג פון דער פּעטיציע-בעוועגונג אין דער גאַנצער וועלט.

וועגען די אויסזיכטען פון יודישען קאָנגרעס האָט זשאַבאָטינסקי געזאָגט: עס איז מיר שווער צו רעדען וועגען דעם, איך ווייס נישט, צי יוצא דער קאָנגרעס זיין לעבענס-פעהיג אָבער מיר ווינשען זיך, אַז ער זאָל האָבען אַ פולען ערפאָלג.

צום סוף האָט זיך זשאַבאָטינסקי שאַרף אָפּגע-גרענעצט פון בעוואוסטען אַרטיקעל וועגען היטלע-ריזם, וואָס איז ערשינען אין „חזית העם" (דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון די רעוויזיאָניסטען אין א"י) בעצייכענענדיג דעם דאָזיגען אַרטיקעל אַלס אַ „גרוי-סע דומהייט".

אלעבען אין שטורם

זכרונות פון בערימטען יודיש-רוסישען רעוואלוציאנער

וולאדימיר יאכעלסאן

(12

אין דווינסק בין איך אַרויסגעגאַנגען צו דער קאָסע (סיקעט אַפּיס), אום צו קויפען צוויי בילעטען ביז קאָוונע. נאָך דווינסק האָב איך זיך שוין צוגעזעצט נאָהענטער צו האַרטמאַנ'ען, און ביז קאָוונע זענען מיר שוין געפאָהרען צוזאַמען, ווי צוויי פּאַסאַזשי-רען, וואָס האָבען זיך בעקענט אין צוג.

האַרטמאַן איז אינגאַנצען נישט אַרויס פון וואַגאָן. ביז דווינסק פלעגט ער זיך שאַפען מיט'ן קאָנדוקטאָר, וועגען אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט, מיר האָבען זיך בערוהיגט, מען האָט זיך בכלל אין וואַגאָן דערפיהלט פרייער, און מען האָט שוין אָנגעהויבען צווישען זיך מעהר שמועסען.

אין קאָוונע האָבען מיר געמוזט פאַרלאָזען דעם וואַגאָן, און מיר זענען ווידער געוואָרען אומ-רוהיג. עס איז שוין געווען פינסטער, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאָוונע. אויפ'ן וואָק-זאַל זענען געווען פונקט אַזוי פיל פּאָליציי און בע-אַמטע, ווי אומעטום, און מען האָט זיך שאַרף איינ-געקוקט אין יעדען איינעם. האַרטמאַן האָט געגנו-מען דיין וואַליז און איז מיר נאָכגעגאַנגען. מיר זענען ווידער דורכגעגאַנגען דורך געדיכטע רייהען פּאָליציי און זענען מיטן בשלום אַרויס אויפ'ן גאַס.

אין א סאוונער שענק צווישען שיכור'ע סאלדאטען

איך האָב אָוועקגעפיהרט האַרטמאַנ'ען אין אַנ-אַכסניה, וואָס איז געווען אַן איינפאַכער שענק, מיט צוויי קעמערלעך פאַר דורכפאָהרער. איך בין שוין דאָרטען געווען צוויי מאָל פריהער, און די יודישע בעל-הבית'טע האָט מיך אויפגענומען, ווי אַ בעקאַנ-טען. דאָ האָט מען נישט בעאומרוהיגט וועגען וויי-זען דעם פּאַספּאָרט אין דער פּאָליציי. איך האָב פאַר-נומען איינעם פון די קעמערלעך, אַנזאָגענדיג דער בעל-הבית'טע, אַז מאָרגען פאָהרען מיר צוריק. דאָס האָב איך געטאָן אויף יעדען פאַל, זי זאָל נישט וויסען, אַז מיר וועלען פאָהרען ווייטער, צו דער גרענעץ. מיר האָבען זיך אָנגעגעסען מיט געפילטע פיש און אַנדערע יודישע מאכלים און האָבען זיך געלעגט שלאָפען אויף הארטע בעטלעך. האַרטמאַן האָט פערקיימעלט די טיר און האָט נאָך צוגע-שטעלט צו דער טיר אַ טיש, ווי זיין שטייגער איז געווען. איך האָב איהם נישט געשטערט.

פון שענק האָבען מיר געהערט אַ טומעל און אַ זינגעריי פון הולענדיגע „נאַוואָבראַנצעס" (ניי-אָפּגעגעבענע סאָלדאַטען), וועלכע מען האָט גראָד דעמאָלט אין קאָוונע געגומען אין דער אַרמעי. די בעלי-בתים און די דינער זענען געווען פערנו-מען און האָבען זיך מיט אונז נישט בעשעפטיגט. אָבער אויך ד... פאַרגעקומען אַ קלייבער איינ-צידענט, וואָס האָט אונז אַביסעל בעאומרוהיגט.

דער טומעל אין שענק איז מיט אַמאָל געוואָ-רען גרעסער. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געשלעג, מען האָט געבראָכען כלים, און פריען האָבען גע-שריען און גערופען נאָך הילף. מען האָט עמיצען געשיקט אין „אוטשאַסטאַק" (פּאָליס סטיישאָן). און די בעל-הבית'טע האָט אונז דורך דער טיר גע-בעטען, מיר זאָלען זיין רוהיג. איך האָב געזאָגט, אַז מיר וועלען קומען, אָבער אַנשטאַט דעם האָבען מיר זיך שטילערהייט אָנגעטאָן און זענען דורך אַ הינטער-טיר אַרויס אויף דער גאַס. דאָרטען וועגען מיר געשטאַנען צווישען דעם עולם, וואָס איז זיך צונויפגעלאָפען, ביז וואַנען מען האָט די בויאַגעס אָפּגעפיהרט אין דער פּאָליציי. ווען עס איז געוואָרען שטיל, האָבען מיר זיך אומגעקערט אין אונזער קעמערל.

פריהער איז מיין פּלאַן געווען אוועקצופאָה-רען פּאַרטאָג אין אַ שטעטעל ביים גרעניץ צו אונ-זער קאָנטראַבאַנדיסט זלמן, אום מיט איהם אָפּצו-רעדען וועגען אַריבערפיהרען האַרטמאַנען איבער'ן גרענעץ, און דערווייל זאָל האַרטמאַן פאַרברענגען אַ טאָג אַליין אין שענק. אָבער צוליב דעם פאַל מיט די „נאָוואָבראַנצעס" האָב איך דעם פּלאַן געענדערט.

אין קאָוונע האָט דעמאָלט געוואוינט אַן אַנ-איינענעם הילצערנע-הייזעל אַ געוועזענער מאָהי-לעווער רב, סאָלאָווייטשיק. זיין טאָכטער מרים האָט זיך ערצויגען אין דייטשלאַנד און האָט סימ-פּאַטיזירט מיט די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטען. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַנ'אָרטיגען סוחר, און זיי האָבען געוואוינט צוזאַמען מיט'ן פאָטער און מיט אַ פאַרהייראַטען ברודער, זיי זענען אַלע געווען אויסגעצייכענטע מענשען.

בעקענט האָב איך זיך מיט דער סימפּאַטישער פאַמיליע אין יאָהר 1877 דורך אַ מאָהילעווער פריינד. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך עטליכע מאָל בענוצט מיט זייער גאַסטפריינדליכקייט. זיי האָבען געוואוסט, אַז איך בין אַנ „אומלעגאַלער" (אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס בעהאַלט זיך פון דער פּאָליציי און וואוינט אויף אַ פאַלשען פּאַספּאָרט). איך האָב אויך געשיקט צו זיי אַנדערע רעוואָלוציאָנערען.

אין דעם איצטיגען פאַל האָב איך זיי נישט געוואָלט שטעלען אין אַזאַ גרויסע געפאַהר. איך האָב דאָס אָבער געמוזט טון. איך בין צוערשט אַוועק צו זיי אַליין. ווי געוועהנליך, האָט מרים באַלד איינגעשטימט אויפצונעהמען אויף אַ טאָג מיין חבר, און זי האָט נישט געפרעגט ווער דער חבר איז. מען האָט די דינער און די קינדער צייטווייליג אַוועקגעשיקט פון הויז, און מיר האָבען האַרטמאַנען איינגעאָרדנט אויפ'ן בוידים.

דער פאָטער, דער געוועזענער רב, איז געווען געפעהרליך קראַנק. ער האָט געהאַט אַ ראַק אויף דער לינקער פּלייצע, און ער איז אין אַ קורצער צייט געשטאָרבען. זיינע פיזישע ליידען זענען גע-ווען שרעקליך. פונדעסטוועגען, האָט ער זיך אינטער-רעסירט מיט פּאָליטיק און מיט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעטערבורג.

ביי דער גרעניץ

ווען איך האָב איבערגעלאָזען האַרטמאַנען אין אַזאַ זיכערען אָרט, בין איך רוהיג אַוועקגעפאָהרען. ביז ווילקאָווישק. די לעצטע באַהן-סטאַציע פאַר ווערזשבאַלאָוואַ, ביי דער דייטשער גרעניץ, בין איך געפאָהרען מיט דער באַהן, דערנאָך בין איך ווייטער געפאָהרען מיט אַ פוהר אַן אַ זייט פון דער אייזענבאַהן ליניע.

אויף דער באַהן-סטאַציע ווילקאָווישק זענען געווען פאַרזאַמעלט אַלע רעגירונגס-בעאַמטע און צווישען זיי זענען אויך געווען סאָלדאַטען פון דער גרעניץ-וואַך. אין פאַל, ווען מ'וואָלט מיך געפרעגט. וואוהין איך פאָהר, האָב איך געהאַט דעם אַדרעס פון אַ פריץ אין יענער געגענט, וועל-כער האָט פאַרקויפט שטיקער לאַנד, אָבער קיינער האָט מיך נישט געפרעגט.

איך האָב געדונגען אַ פוהרמאַן צו פיהרען מיך אין שטעטעל ביים גרענעץ. אויפ'ן וועג האָבען אונז בעגעגענט סאָלדאַטען פון דער גרענעץ-וואַך אויף פערד, איך בין אַראָפּ פון דער פוהר, איידער מיר זענען אַריינגעפאָהרען אין שטעטעל, און בין אַוועק צו זלמענען צופוס. ער האָט געוואוינט אין זיין איינענעם הילצערנעם הייזעל נעבען גרעניץ-טייכעל, ביי וועלכען עס האָבען זיך געפינען די גרענעץ - וואַך און די טאַמאָזשנע דאָס שטעטעל איז געווען פול מיט טאַ-מאָזשנע בעאַמטע, סאָלדאַטען און אָפיצירען פון דער גרענעץ-וואַך מיט זשאַנדאַרען.

(ווייטער קומט).

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג 23 מאי — כז אייר תרצ"ג

זון-אויפגאנג 3.32
זון-אונטערגאנג 7.34

פון האנדעלס-געריכט

אפטייקער יאן קלופטא פערעפענטליכט אנ׳אופאדלאשטש — פסק פון אפעלאציע-געריכט אין ווארשא

ווי מיר האבן שוין בשעתו מיטגעטיילט, האט דאס לאדזער געריכט אפגעזאגט די ביטע צו פערעפענטליכן אנ׳אופאדלאשטש דעם אפטייק-בעזיצער יוזעף קלופטא, דר. פארמאציע (קאנטנא 54.) דאס געריכט איז ארויסגעגאנגען פון דער הנחה, אז אנ׳אפטייקער איז נישט קיין הענדלער, און מ׳קען איהם דעריבער נישט פערעפענטליכן קיין אופאדלאשטש.

די טעג איז דער ענין בעטראכט געווארן דורכן אפעלאציע-געריכט אין ווארשא. דאס אפעלאציע-געריכט האט די דעציזיע פון לאדזער האנדעלס-געריכט אפגעווארפען און קלופטען פערעפענטליכט אנ׳אופאדלאשטש. דער אורטייל ווערט מאטיווירט דערמיט, וואס אפטייק-בעזיצער צאהלען אומזאץ-שטייער, קויפען אויס האנדעלס-פאטענטען אזוי ווי אנדערע האנדעלס-אונטערנעמונגען.

דער טערמין פון צייטווייליגען פערעפענטליכן דעם אופאדלאשטש, איז בעשטימט געווארן אויפ׳ן 13-טען יוני 1932. בעשטימען א געריכט-קאמיסאר און א קוראטאר, ווי אויך א קאמארניק, וואס זאל פערהאנדלען די אפטייק.

איין זאך איז נאך נישט קלאהר, צי דער אפטייק-בעזיצער קלופטא וועט נישט אזוי-ארום פערלירען די קאנצעסיע, און צי דער קוראטאר וועט קענען פיהרען די אפטייק — ווען דעם וועט דעצידירען די וואיעוואדזטווע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, האט דאס האנדעלס-געריכט אויף דער נעכטיגער זיצונג נאמינירט אלס קוראטאר עמיל האדריאן. געריכט-קאמיסאר — דעם האנדעלס-ריכטער יאקוב פעטערס.

וויכטיגע פעראָרדנונג פון לאדזער פינאנץ-קאמער

ווי אזוי צו בעהאנדלען די ביטעס וועגען אנולירען פערלעגענע שטייערן

לעצטער טערמין פון אפגעבען אזעלכע ביטעס איז דער 30 יוני

די פראגע פון שענקען די אלטע שטייערן, ווערט ווידער ארומגערעדט אין די סוחרים-קרייזן אזוי ווי די שטייער-אמטען שיקען איבער אין דער פינאנץ-קאמער נאר אזעלכע ביטעס וועגן אנולירען שטייערן, אזעלכע לויט זייער מיינונג דארפען אנולירט ווערען און אין 90 פראצ. אזעלכע, ביי וועלכע ס׳איז גארנישט דא וואס צו נעהמען, צו פערקויפען. די שטייער-אמטען נעהמען גאנץ ווייניג אין אכט דעם לעצטען מיניסטעריעלען צירקולאר, וועלכער זאגט, אז די שטייערן דארפען געשענקט ווערען דאמאלס, ווען דאס צאהלען בעדראהט די אונטערנעהמונג.

די לאדזער האנדעלס-קאמער האט דעריבער אויסגעפועלט ביים פרעזעס פון דער פינאנץ-קאמער אויפצופאדערן אלע שטייער-אמטען איבערצושיקען דער פינאנץ-קאמער אלע, אהן אונטערשיד ביטעס וועגן שענקען די שטייערן, די וועלכע ליגען נישט אין דער קאמפעטענץ פון די שטייער-אמטען, דאס הייסט העכער ווי 100 ג. נישט אכטענדיג אויף דער מיינונג פון שטייער-אמט ד. ה. די ביטעס וועלכע די שטייער-אמטען האלטען, אז זיי דארפען אנולירט ווערען אויך די פאר וועלכע זיי זענען געגען אנולירען.

די פעראָרדנונג איז איינע פון די וויכטיגסטע, ווייל מיט׳ן מאמענט פון פערעפענטליכען מוז דער שטייער-אמט אויפ׳ן סמך פון אריינגעטראגענער ביטע, אפהאלטען די עקזעקוציע שריט ביז צו דער ענטגילטיגער דעציזיע פון דער פינאנץ-קאמער ווי די אלע ביטעס וועלען ווערען אנדערש בעהאנדעלט און ווי מ׳וועט נעהמען אין אכט דעם בעשטאנד פון דער אונטערנעהמונג און נישט ווי אין די שטייער-אמטען.

דער צענטראלער קליינהענדלער-פעראיין פאמארסקא 15, בעמיהט זיך, דאס די פעראָרדנונג זאל זיך ווי שנעלער בעוויזען און דאמאלס וועט זי איבערשיקען די רשימות פון די בעלייגטע ביטעס צו די שטייער-אמטען, פינאנץ-קאמער און האנדעלס-קאמער.

דער טערמין פון ערלעדיגען די ביטעס וועגען שענקען די שטייערן ענדיגט זיך דעם 30 יוני, און ביז צו דעם טערמין מוזען די ביטעס אדורכגיין צוויי אינסטאנצען, דורכ׳ן שטייער-אמט און פינאנץ-קאמער און אויב דאס מיניסטעריום וועט נישט פערלענגערען דעם טערמין וועגען וועלכען די לאדזער האנדעלס-קאמער בעמיהט זיך, זענען שוין די לעצטע טעג פון אריינטראגען ביטעס.

מען מוז זיך האלטען ביים קאלעקטיווען אפמאך

רעזאלוציע פונם קרייז-ראט פון ז.ז.ז.

(2) דעם פאריגען זונטאג איז פארגעקומען אין לאדז א צוזאמענפאהר פון קרייז-ראט פון ז.ז.ז. מיט׳ן אנטייל פונ׳ם פרעזעס פון דער הויפט-פערוואלטונג גארדעצקי.

עס איז ארומגערעדט געווארן די לאגע אין דער לאדזער טעקסטיל-אינדוסטריע.

די פערזאמעלטע האבן פעסטגעשטעלט, אז די פעראַרישע קאנפליקטען אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע זענען כמעט שטענדיג א פועל יוצא פונ׳ם נישט אפהיטען די בעדינגונגען, וואס זעגען פארויסגעזעהען אינ׳ם קאלעקטיווען אפמאך.

די פערזאמעלטע האבן אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער די טעקסטילארבייטער פון ז.ז.ז. פאדערען, אז די מאסגעבענדע מאכט זאל אינטערווענירען ביי די טעקסטיל-פאבריקאנטען — ארגאניזאציעס, און אז די אדמיניסטראטיווע פאקטארען זאלען צוזאמען מיט די ארבייטער-ארגאניזאציעס קאנטראלירען, צי די טעקסטיל-אינדוסטריע האלט זיך ביי דעם אפמאך.

לסוף שטעלט די רעזאלוציע פעסט, אז אין פאל פון ווייטערדיגען ברעכען דעם לוין-טאריף דורך בעזונדערע פאבריקאנטען — פראקלאמירען די פער־איינען אין די פאבריקען דעם שטרייק, רעקאמענדירענדיג גלייכצייטיג צו באיקאטירען די דאזיגע פאבריקען דורך דעם כלל ארבייטסלאזע, און דער ריכטונג פון נישט אננעהמען קיין ארבייט ביי די פאבריקאנטען, וואס ווילען זיך נישט האלטען ביי זייערע התחייבות׳ן לגבי די ארבייטער.

ארויסגעווארפען פון דער דירה

אנ׳ארימע יודישע שלאסער מיט 4 קינדער

די פלאג פון עקסמיסיעס הערט גארנישט אויף. נעכטען איז ווידער אויף סאלגא 11 אויסגעפיהרט געווארן א טראגישע עקסמיסיע. דאס דערמאהנטע הויז געהער צו פרוי רבקה מארגענשטערן. זייט יאהרען לאנג וואוינט דארט אין א דאך-שטיבעל דער יודישער שלאסער שלמה צאלקע, אנ׳ארימער מענש מיט א פרוי און 4 קינדער.

צאלקע האט כסדר געמאכט פערשידענע ארבייטען אין דעם הויז און האט גערעכנט, אז דאס וועט געהן אויפ׳ן חשבון פון דירה-געלד. דערווייל האט זיך אנגעקליבען א גרעסערער פערלעגענער חוב פאר דירה-געלד. פרוי מארגענשטערן האט איינגעקלאגט צאלקען און בעקומען אויף אנ׳עקסמיסיע.

א טאג פאר דער עקסמיסיע איז א דעלעגאציע פון לאקאטארען אוועק צו פרוי מארגענשטערן און ערקלעהרט, אז צאלקע וועט זיך גוט-ווילליג ארויסציהען, זי זאל בלויז געבען עטליכע זלאטעס, אז ער זאל זיך דערווייל אריינציהען ערגיץ אלס סובלאקאטאר. די ווירטין האט דערפון נישט געוואלט הערען און נעכטען איז זי געקומען מיט׳ן קאמארניק צוזאמען מיט עטליכע שקצים און צאלקען מיט די 4 קינדער ארויסגעווארפען אין גאס.

בעריכטס-פערזאמלונג פון הויפט-ראט ביי ז.ז.פ.או.

נעכטען אין אזוענד איז אין לאקאל פון פוילישען האנדעלס-אנגעשטעלטען-פעראיין פארגעקומען א זיצונג פונ׳ם לאדזער קרייז-ראט ביי דער אוניע ז.ז.פ.או.

אויף דער דאזיגער זיצונג איז אפגעגעבען געווארען א בעריכט וועגען דעם פערלויף פון די עהערנבכטיגע בעראטונגען אויפ׳ן צוזאמענפאהר פון הויפט-ראט, וואס איז פארגעקומען אין ווארשא, און אויף וועלכען דער הויפט-ראט האט צ. אנד־ערלעדיגט נעגאטיוו דעם ענין העכערן די „סקלאד־קעס" לטובת דער אוניע.

אין דער דיסקוסיע אויפ׳ן צוזאמענפאהר איז מען געקומען צום אויספיהר, אז פון די פערהאנענע סטאטיסטיקעס איז צו זעהן, אז, מחמת דער אלץ שטייגענדער ענגשאפט אויפ׳ן ארבייטס-מארק ווערלען אנ׳ערך 60.000 גייסטיגע ארבייטער אין פוילען מוזען איבערגיין צוגייק צו פיזישער ארבייט.

פערקלענערט די פרייזען פון קויהלען

(2) אין רעזולטאט פון דער נעכטיגער קאנפערענץ אין דער וואיעוואדזטווע איז, געגען דעם ווידערשטאנד פון די קויהלען — הענדלער, פעסטגעשטעלט געווארען פאלגענדער פרייז-קוראנט:

אין דעטאיל-פערקויף, אין די סקלאדען: קויהלען פון 1. קאטעגאריע — 5.35 זל. פאר א קארץ; פון 2. קאטעגאריע — 5.10; פון 3-טער קאטעגאריע — 4.70 זל. פאר 100 קילא.

אין דעטאיל-פערקויף אין די בוידלען, — 1. קאטעגאריע — 6.40 זל.; צווייטע קאטעגאריע 6.20 זל. א קארץ.

די רעדוקציע פון די קויהלען-פרייזען מאכט, אלזא, אויס 10 פראצענט.

חוץ מזה איז בעשלאסען געווארען צו פערטיי־לען די לאדזער קויהלען-סקלאדען אויף 3 קאטעגאריעס אפהענגיג פון די סארטען קויהלען, וואס זיי פערקויפען.

גאנץ לאדז
בעגריסט היי ב ט זייער ליבלינג
מאלי פיקאן
אין „פילהארמאניע"

טאג-באטיצען

מיר דערמאהנען, פאדערען און רופען

נישט צו פערזוימען דעם טערמין פון הנחה-עקזאמענס

וועגען הנחה-עקזאמענס פאר האנדווערקער האבען מיר שוין פילמאל געשריבען.

ס׳איז בעקאנט, אז לויט דעם אינדוסטריע-געזעץ וועלען זיך קענען פערנעהמען מיט זייער מלאכה נאר די האנדווערקער, וועלכע האבען מייסטער-דיפלאמען. די דאזיגע פעראָרדנונג האט קודם-כל געטראפען די יודישע בעלי-מלאכות, וועלכע האבען נישט געהערט צו קיין צעכען און האבען אזעלכע דיפלאמען נישט געהאט. כדי נישט צו דערלאזען, אז די יודישע האנדווערקער זאלען אינגאנצען עלימינירט ווערען פון דער מלאכה, האט זיך אנגעהויבען א סדרה בעמיהונגען, אז פאר אלטע האנדווערקער, וועלכע ווילען בעקומען מייסטער-דיפלאמען זאלען אנגעווענדט ווערען הנחה-עקזאמענס, דאס הייסט פערלייכטערטע, אזעלכע הנחה-עקזאמענס זענען אנערקענט געווארן פאר די האנדווערקער, וועלכע האבען געפיהרט זעלבסטשטענדיגע האנדווערקער-ווארשטאטען פאר דעצעמבער 1927. א טייל יודישע האנדווערקער האבען אדורכגעמאכט די דאזיגע עקזאמענס און בעקומען מייסטער-דיפלאמען, א גרויסער טייל האט אבער די דאזיגע פליכט נישט אדורכגעמאכט. פערשידענע סיבות האבען געפיהרט דערצו. קודם-כל די הויכע אפצאהלען, וואס זענען געווען פערבונדען מיט אזא עקזאמען. דאן דאס נישט צוגענגליכקייט פון עלטערע יודישע האנדווערקער צו די דאזיגע עקזאמענס און צום סוף פשוט׳ע פערנאכלעסיגונג.

די ענדגילטיגע ראטמענער אין דער האנדווערקער-קאמער האבען זיך שוין פון לאנג געמיהט און זיך אויפ׳ן קאפ געשטעלט, אז די דאזיגע הנחה-עקזאמענס זאלען אפגעשאפען ווערען, ווייניגסטענס זאל בעשטימט ווערען אנ׳ענטגילטיגער טערמין, פון ווען אן די הנחה-עקזאמענס זאל אויפהערען חל צו זיין. די יודישע ראטמענער האבען פערלאנגט, אז דער דאזיגער טערמין זאל זיך, וואס ווייטער פערשלעפען. כדי די יודישע האנדווערקער זאלען האבען סוף-כל-סוף די מעגליכקייט די דאזיגע הנחה-עקזאמענס אדורכצומאכען.

אויף לאנג האט אזא לאגע נישט געקענט אויסגערעכענט ווערען, דעריבער האט די פלענארע זיצונג פון דער לאדזער האנדווערקער-קאמער אנגענומען א בעשלוס, אז די האנדווערקער, וועלכע וועלען ביז׳ן 31. מאי ה. י. נישט אנגעבען קיין ביטעס, אז זיי ווילען אפגעבען הנחה-עקזאמענס, וועלען פערלירען אויף שטענדיג דאס רעכט דערויף. מ׳דארף נישט פערגעסען, אז דאס אפגעבען א ביטע וועגען רעכט אויף הנחה-עקזאמענס, הייסט נאך נישט, אז מ׳וועט דארפען גלייך צוטרעטען צו די דאזיגע עקזאמענס. דאס הייסט אויך נישט, אז מ׳וועט דארפען גלייך איינצאהלען די 80 זלאטעס, וואס זענען פערבונדען מיט צוטרעטען צו די עקזאמענס. מיט דעם אפגעבען די ביטע דאקומענטירט מען, אז מען פרעטענדירט אויף א הנחה-עקזאמען. דעם אפצאהל איז צייט איינצוצאהלען ביז׳ן 1-טען אקטאבער ה.י., דאס הייסט ערשט נאך 5 חדשים און ערשט דאן וועט בעשטימט ווערען דער טערמין פון עקזאמען גופא.

ס׳איז דער חוב פון יעדען האנדווערקער, וועלכער האט נאך נישט קיין מייסטער-דיפלאם, אז ער זאל גלייך אזא ביטע אפגעבען. מ׳דארף געדענקען, אז ס׳זענען נאך פערהאן געצעהלטע טעג. דער לעצטער טערמין איז דער 31 מאי, די לעצטע טעג פון מאי קומען אבער אויס די שבועות-טעג, אזוי אז מ׳דארף דאס טון וואס פריהער. די צעכען, די האנדווערקער-פעראיינען, די האנדווערקער-צענטראלעס דארפען האבען פערטיגע אנגעשריבענע ביטעס, כדי די האנדווערקער זאלען קענען נאר אונטערשרייבען און אוועקטראגען אין האנדווערקער-קאמער. מ׳דארף דעם ענין נישט גרינגשעצען, אפשר פיהלען נישט די יודישע האנדווערקער אין איצטיגען מאמענט דאס פעהלען פון אזא מייסטער-דיפלאם. אין דער נאהענטסטער צוקונפט וועלען אבער די דאזיגע דיפלאמען זיין אנ׳אומבעדינגטע נויטווענדיגקייט, אהן וועלכער מ׳וועט נישט קענען פיהרען קיין ווארשטאט און זיין א האנדווערקער. אלע האנדווערקער דארפען געדענקען, אז ס׳זענען נאר געבליבען עטליכע טעג, כדי אנצוגעבען א ביטע וועגען הנחה-עקזאמענס. ס׳איז נויטיג אויפצוקלערען דעם דאזיגען ענין די ברייטע האנדווערקער-מאסען, אויף קיין ניסים טאר מען זיך נישט פערלאזען. דער מייסטער-דיפלאם וועט סוף-כל-סוף, ווי מיר זאלען נישט וועלען, זיין דער צייכען פאר האבען דאס רעכט צו פיהרען א האנדווערקער-ווארשטאט.

י. ד—ן.

וויצע-פרעזידענט וויעלינסקי אויף דער בעשולדיגונגס-באנק

(א) מארגען, מיטוואך ווערט אין קרייז-געריכט פארקומען א פראצעס געגען דעם לאדזשער וויצע-פרעזידענט, ד"ר עדמונד ווייסבערג-וויעלינסקי, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין בעליידיגען דעם מאגיסטראט און בעזונדערע מאגיסטראט-מיטגלידער אין אן ארטיקעל, וואס ער האט אפגעדרוקט אין קראקאווער „איל. קוריער צאדזשענני". די בעשולדיגונג טראגט אריין דער פראקוראר.

א פריוואט-אנקלאגע געגען דעם ד"ר וויעלינסקי טראגען אריין דער שטאט-פרעזידענט זשעמיענצקי און די לאווניקעס קוק און איזדעבסקי.

אזא מין „קוזין"

וואס מאכט דעם פויער געל און גרין

(א) יוזעף אביעזשאלעק, א פויער פון דארף טשערניכאוו, לענטשיצער קרייז, האט מיטגענומען פון דערהיים 1000 זלאטעס מזומן-געלד און איז אראפגעקומען קיין לאדז איינהאנדלען זיך אין לאדז עפיס א געוועלבעל, כדי צו ווערן א לאדזשער „קופיעץ"...

אויף באלוטער מארק, וואו ער האט זיך אראפגעזעצט פון טראמוואי, האט איהם מקבל געווען עפיס א פערזאן, וועלכער האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט אלס זיינער א קוזין בשם יאן אביעזשאלעק, אנגעבענדיג דערביי פערשי־דענע סימנים, אז דאס איז טאקע ער און נישט קיין אנדערער.

הכלל דער „קוזין" האט ר' יוזעפ'ן גענומען אין דער „מאנגעל אריין", איהם כדבעי אנגע־שיכורט, און אז ס'איז געווען „וואויל, ווי די וועלט" — האט ער ביי איהם צוגענומען די 1,000 גילדען, ואיננו... און פאליציי זוכט איהם.

ערב א שטרייק אין דער בוי-אינדוסטריע

(2) אין שייכות דערמיט, וואס די בוי-אונטער־נעהמער זאגען זיך אפ אונטערצושרייבען א קאלעק־טיווען אפמאך מיט זייערע ארבייטער, האבען די לעצטע אפגעהאלטען בעכטען א פערזאמלונג אין ז.ז.ז. (פעטריקאווער 64) און עס איז בעשלאסען געווארען צו בעשטימען א צווישענפאראיינס-קאמי־סיע, צו אינטערווענירען ביי דער מאכט, און אין פאל, ווען די בוי-אונטערנעהמער זאלען בלייבען פער'עקשנ'ט — זאלען אפגעשטעלט ווערען אלע בוי-ארבייטען און ס'זאל אויסברעכען א שטרייק.

גרעסטע טעאטער-סענסאציע אין סעזאן

מאלי פיקאן און יעקב קאליך טרעטען היינט אויף מיט א קאנצערט אין פילהארמאניע

דער יודישער טעאטער-עולם גרייט צו א הארציגע קבלת-פנים די גרויסע געסט

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט געפינען זיך אין לאדז אויפ'ן וועג צום גרויסען טעאטער-פעסטי־וואל אין מאסקווע די גרויסע יודישע ארטיסטקע מאלי פיקאן צוזאמען מיט יעקב קאליך. דאס יודי־שע טעאטער האט נישט געטארט און נישט געקענט אדורכלאזען די געלעגענהייט אז אזא גרויסע אר־טיסטישע פערזענליכקייט וואס פייערט זיך דעם לעצ־טען יאהרצענדליג די גרעסטע טריומפען אויף דער יודישער ביהנע זאל נישט אויפטרעטען אין לאדז, אין דער שטאט וואו דער אונגעהויערער טאלענט פון מאלי פיקאן איז צוערשט אנערקענט געווארען.

מאלי פיקאן — דער נאמען רעדט פאר זיך, קיין שום אפשאצונג ווערט נישט זיין גענוג צו קער־נען בעשטימען דעם טאלענט און קינסטלערישקייט פון דער דאזיגער ארטיסטין, ס'איז דעריבער זיך מישטא וואס צו הויש'ן אז דער גרויסער יודישער טעאטער-עולם וועט שטורמיש בעגריסען די גרוי־סע געסט.

מאלי פיקאן און יעקב קאליך וועלען אויך ווי־סען ווי אפצושאצען דעם קבלת-פנים און זיי וועלען אויפ'ן היינטיגען אוונט אין פילהארמאניע, נאך דער פארשטעלונג פון „גזלן" מיט שמחה באטאן, געבען א רייה סצענעס, בילדער און לידער פון זייער בייעסטער רעפערטואר, אין זייער אייגענער קינסט לערישער אינטערפרעטאציע, אויף זייער אופן און זייער געוועהנליכער גרויסקייט.

דער היינטיגער אוונד אין פילהארמאניע איז די גרעסטע טעאטער-סענסאציע פון היינטיגען סעזאן.

אמטליכעס

(א) היינט הויבט אן זיין פינף-וואכענטליכען אפרוה-אורלויב דער לייטער פונ'ם לאדזשער אויס־פארשונגס-אמט, אויבערקאמיסאר ה' סטאניסלאוו וויער.

איהם וועט פערטרעטען דער לייטער פון דער 2-טער בריגאדע, קאמיסאר קאוואלטשיק.

איבערגעפאהרען א יוד. יונגעל

(א) לעם בושעזשינער 21 איז איבערגעפאהרען געווארען דורך אבן'אויטא דער 14-יעהריגער שמואל האפמאן (פון מלינארסקא 6). ער איז שטארק צושע־דיגט און א פוס איז ביי איהם צובראכען, פאגאטאר־ווע האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל. דער שא־פער איז אין טומעל עוקר געווען.

טעאטער „סקאלא" שרודמיעסקא 15 טעל. 232-33.

צוליב'ן אויסערגעוועהנליכען ערפאלג!
צוליב דעם אלגעמ. פערלאנג פון לאדזער פובליקום!
ווערט געשפילט
נאך עטליכע טעג מאמע און שוויגער

היינט, דינסטאג, 9 אוונט צום 34-טען מאל - פרעזענטירט מ. וויינדער
די גרויסע אמעריקאנער סטאר-קינסטלער
לוסי און מישא גערמאן
אין קאלמאנאוויטש'ס לעצטע טעאטער-סענסאציע אין 3 אקטען
מאמע און שוויגער
די נאהענטסטע טעג די 2-טע גרויסע פרעמיערע
אויפפיהרונג פון לוסי און מישא גערמאן
„אזוי איז דאס לעבען"
דאנערשטאג, 12 בייטאג ספעציעלע מאמע-פארשטעל.
פאר עלטערן און קינדער. פרייזען פון 50 גר. ביז 1.50
בילעטען צו באקומען אין קאסע פון טעאטער.

א פראצעס

אין לאדזשער שטאטישען געריכט איז בע־טראכט געווארען א טשעקאווער פראצעס.

מאקס בארנשטיין, בעקאנט אונטערן נאמען „דער בלינדער מאקס" פון שענקעוויטש 9, האט אנגעקלאגט אין געריכט פאר רכילות דעם שווא־צען יאסעל צוקער פון דאלנא 12, וועלכער האט דערצעהלט איינעם א קאפיטאן, אז מאקס איז א מענש, וועלכער האט פערלוירען די רעכט.

אין געריכט האט בארנשטיין בעוויזען מיט דאקומענטען, אז דאס איז א שקר און דאס גע־ריכט האט אנגעקלאגטן צוקערן פאר שולדיג און איהם פערמשפט אויף א חודש אונבעדינגטע ארעסט און צו בעצאהלען 100 זלאטיס שטראף.

שטאט-פרעזידענט זשעמיענצקי אינטערוועניערט אין ווארשא

(א) בעכטען איז ארויסגעפאהרען קיין ווארשא מכוח פערענדיגען די פערטראקטאציעס וועגען קרע־דיטען פאר לאדז (אויף די סעזאן-ארבייטען) — דער שטאט-פרעזידענט, אינזש. זשעמיענצקי.

מאלי פיקאן
זינגט, טאנצט
היינט אין „פילהארמאניע"

דער רוח פון קערפער

סענסאציאנעל-עראטישער ראמאן

(7

סטווערינא האט זיך פאר'חידוש'ט, וואס זי האט איבערגע'חזר'ט דעם דאזיגען נאמען. דאכט זיך, זי האט געפרובט ארייצוזלייגען אין איהם א גייעם אינהאלט:

אז זי האט דערהערט פיערס שריט, האט זי אפילו נישט א טראכט געטון וועגען דעם, אין וואס פאר א פארם זי וועט איהם דערציילען וועגען דעם, וואס עס איז מיט איהר פארגעקומען, ער וועט דאך סיי-ווי איבערלייענען אויף איהר פנים, אז עס איז געשעהען עפעס אויסטערלישעס — וועט ער זי פרעגען, וואס, און זי וועט איהם ענט־פערען, דערציילען....

וואס פאר א בעדייטונג האבען דען געקאנט האבען די ווערטער, מיט וועלכע זי וועט אויס־דריקען דאס, וואס זי האט איבערגעלעבט?

פיער האט אבער נישט א קוק געטון אויף איהר מיט דעם דורכדרינגענדען פערליבטען בליק, אויף וועלכען סטווערינא האט זיך גערעכנט.

ער האט זיך קוים צוגעריהרט צו איהר באק, און אמאר-די איינגענהאלטענקייט האט מעהר, ווי די סאמע דורכדרינגענדע פראגען, צוריקגעקעהרט סט־ווערינא איהר גייסטיגע גלייכגעוויכט.

איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז איינער פון די סאמע זיכערסטע שטיל-זיילען, א שטיק-פונקט וואס האט נישט ארויסגערופען קיינמאל קיין שום ספקות, האט זיך פלוצים א וואקעל געטון.

עס האט זי אויך איבערראשט פיערס אויסער־ליכער אויסזעהן: ער איז געווען אפגעשוואכט און אין זיינע בעוועגונגען האט זיך געפיהלט א מיד־קייט. אין זיינע ברייט-געעפענטע אויגען האט זיך געגעסטיגט פחד, און אלע זיינע בעמיהונגען צו בעהערשען זיך, צו אויסבעהאלטען זיין צושטאנד, זענען געווען אן אומזיסטע טרחה.

— דיך לעסטיגט עפעס, טייערער? — האט די יונגע פרוי א פרעג געטון.

פיער האט א [illegible] געטון, און זיך אנגע־שפארט מיט'ן פנים אויף א האנד.

סטווערינאן האט זיך אויסגעדאכט, אז ער שטרענגט זיך אן, בכדי צו דערשטיקען אין זיך א מין ציטער.

— זארג זיך נישט — האט ער געזאגט, — נארישקייטן.... פראפעסיאנעלע דאגות.

ער האט זיך געפרובט א שמייכעל צו טון, אבער ער האט דערפיהלט, אז זיין פרוב איז א רחמנות'דיגער און וועט קיין ערפאלג נישט האבען.

פיער האט קיינמאל נישט גערעדט מיט זיין ווייב וועגען זיינע פראפעסיאנעלע עסקים. ער האט מיט איהר נישט געוואלט רעדען, וויפיל ש'וואר־צע בלוטיגע ארבייט עס איז איהם אויסגעפאלען צו טון, און דריבער האט סטווערינא געמיינט, אז אויך איצט וועט ער איהר גארנישט זאגען.

דאס מאל אבער איז די לאסט, וואס האט איהם געדריקט געווען א צו שווערע, און ער האט זיך אפגערופען:

— דו ווייסט... דאס איז שרעקליך.... קיינער האט עס נישט געקאנט פארויסזעהן... נאר דער־זיגער קליינער איטאליענער.... דער אייביג-פרווילי־כער, בעוועגליכער....

און ער איז ענטשוויגען געווארען.

— ער איז געשטארבען? — האט סטווערינא א פרעג געטון — בעת דער אפעראציע?

פיער האט איהר געוואלט ענטפערען, נאר די ליפען זיינע האבען אנגעהויבען צו ציטערען, און ער האט א וואריט נישט געקאנט ארויסברענגען.

דער צושטאנד פון פערשעמטקייט, וואס האט זי פריהער געהאט ארומגענומען, און די אפגע־פרעמדטקייט צו פיערן איז פלוצים פערשוואונדען געווארען.

אין איהר האט אויפגעלעבט דאס געפיהל פון עבדלאזער צארטקייט, אין וועלכען איהר הארץ איז צוגאנגען.

מיט ביידע הענד האט זי ארומגענומען זיין קאפ און אנגעהויבען צו רעדען אזעלכע ווערטער, וואס האבען ארויסגעשטראמט פון הערצען, פון דער טיפ־סטער טיף פון איהר מהות:

— ארים יונגעלע מיינס.... דו ביזט נישט שול־דיג אין דעם.... בעדארפסט נישט צו זיין טרויעריג... אט איצט, בעת דו ביזט אומגליקליך, פיהל איך, אז אין דיר איז מיין גאנץ לעבען...

— 3. —

סטווערינא האט זיך אויפגעוועקט פריה נישט געקוקט דערויף, וואס זי האט דאס מאל געשלאפען ווייניגער ווי אלע מאל, האט זי זיך געפיהלט פריש און פרייליך.

קודם כל האט זי זיך געוואלט אויפהייבען פון בעט.

דערנאך האט זי בעמערקט אז לעם איהר גלייך רוהט עמיצענס אומבעוועגליכער קערפער, וואס האט איהר בעשטער'ט אין איהרע פרייע בעוועגונ־גען. דאס איז געווען פיער...

צום ערשטען מאל נאך איהר קראנקהייט האבען זיי פערבראכט די נאכט צוזאמען.

גוי גאט עס האט זיך איהר געשלאפען!

זי האט געפיהלט אז זי איז בעפרייט פון די אלע בייזע כוחות, וואס האבען איהר פריהער גע־האט פערשיכורט.

שוין זשע האט ער אפגעהיט איהר רוה, צו־ריקגעקעהרט איהר דאס גלייכגעוויכט? אדער האט זי בעקומען די דערלייכטערונג ווייל זי האט זיך איהם אפגעגעבען?

און פונדעסטוועגען איז דאך — דאס איינציגע, וואס האט זי געצויגען אין זיינע אָרעמס געווען דער פערלאנג צו צעשטרייען זיין צער.

זי האט געהאט געפיהלט בלויז די אומשולדיגע פרייד פון דעם בעוואוסטזיין, אז זי שענקט איהם הנאה.

ווען ער האט זי צוגעטוליעט צו זיין הארצען, האט זי זיך א פרעג געטון, צי די אלע תאווה'דיגע אומקלארע זעהענישען, וועלכע האבען איבערפולט איהר גוף בעת דער קראנקהייט וועלען נישט אויפגעלייזט ווערען איצט אין דער פארם פון עפעס א געהיימנישפולען עקסטאז.

אבער ווען פיערס הענד האבען זיך פונאנדער געקלאמערט און ער האט זי ארויסגעלאזט פון זיינע ארעמס — זענען איהרע אויגען נאך אלץ געווען מיידליש צניעה'דיג.

א טונקעלע ענטוישונג האט זי ארומגענומען, און זי האט זיך בעפרייט פון דעם דאזיגען געפיהל. ערשט דאן ווען זי האט א קוק געטון אויף איהם, אויף פיער'ן.

זיין צער איז נעלם געווארען, די קנייטשען האבען זיך אויסגעגלעט, דאס פנים האט בעקומען די פריהערדיגע רוהיגע זיכערקייט און זייכקייט.

ביי דעם שוואכען פארטאג-ליכט האט זי נישט געקאנט גוט זעהען זיינע געזיכטס-צוגען, אבער זי האט בעהאט גענוג די ליניען פון זיין קאפ, כדי צו האבען פאר זיך קלאר זיין אויסזעהן.

פיער איז געשלאפען, און זיין אטעם איז גע־ווען רוהיג ווי דער אטעם פון א יונגעל.

(פארטזעצונג קומט).

וואס האבען מיר איבערגעלעבט אין ארץ-ישראל

געשפרעך מיט מאלי פיקאן און יעקב קאליך

אין א פריינדליכען שמועס מיט מאלי פיקאן און יעקב קאליך, וועלכע ווילען איצט אין לאדז, האבען די געסט אונז איבערגעגעבען זייערע איינדרוקען פון ארץ־ישראל פון וואנען זיי קומען איצט.

— מיר זענען געווען אין ארץ־ישראל נישט מעהר ווי פיער וואכען, דאס איז די קלענסטע צייט וואס מ'קען זיך פארשטעלען פאר א בעזוך פון'ם לאנד. אין ארץ־ישראל דארף מען זיין לענגער, אייגענטליך דארף מען דארט וואוינען, ס'איז נישט מעגליך אין א געשפרעך איבערצוגעבען די איינדרוקען וועלכע מען בעקומט אין ארץ־ישראל. אין דער וועלט אגיטירט מען זעהר שלעכט. אין דער וועלט קען מען נאר דאס לאנד פון קלאפען און פושקעס, אלע אקציעס וואס ווערען אדורכגעפיהרט אין דער וועלט זענען געלד־אקציעס, מ'קען בעקומען די מיינונג אז איב'ם לאנד וואוינט א הייפעלע יודען, וועלכע לעבט פון קצבה, מ'דערציהלט נישט ווי גראנדיעז דאס לאנד בויט זיך, מיט וואס פארא פערגעהם שאפט זיך א ניי לעבען, א געזונד לעבען, אין יעדער פארם און אין יעדען אינהאלט.

קודם־כל בעמערקט מען אין ארץ־ישראל די גרויסע בעציהונג פון מענש צו מענש, אין יעדען לאנד, ווען ס'קומט א פרעמדער בעקומט ער דעם איינדרוק, אז דער איינגעזעסענער האט מורא טאמער בלייבט דער עמיגראנט. דארט האט מען מורא, אז דער עמיגראנט זאל ארויספאהרען. ווען מיר זענען אוועקגעפאהרען האט מען אונז געפרעגט מיט א זא טאן, ווי אונדזער מאמע האט אונז אמאל געפרעגט ווען מיר זענען אוועקגעפאהרען דאס ערשטע מאל קיין אמעריקא. ס'איבעראשט אין ארץ־ישראל דער צוטרוי, פון מענש צו מענש, די איבערגעגעבענקייט. מיר האבען געזעהען א מיטאג אין די קבוצות. ווען דער טיש איז געדעקט צו מיטאג קען צוגעהען עסען ווער ס'וויל, עס וועט קיינעם נישט איינפאלען צו פרעגען וואס טוט דא א פרעמדער. ס'זענען פערהאן פיל אראבער, וועלכע פאסען אויס מיטאג אין דער קבוצה און עסען מיט. אלץ וואס מען ווייזט אין ארץ־ישראל איז נישט קיין אנשטעל, ס'איז נישט אראנזשירט, צו ווייזען פרעמדע, דאס איז אלץ עכט, מאסיוו.

און א יוגענד איז דארט פעיהאן, וועלכע מען זעהט אין ערגעץ נישט. גארנישט געקינצעלט, אלץ קולטורעל און ארבייטסזאם, געזונד, פרעהליך, און מוטיג. ס'איז זיך פערהאן אויף אימיצען צו פערלאזען. און זייערע לידער און טענץ, דאס ליד פון ארץ־ישראל ברעכט זיך נישט און ס'קלאגט נישט, נאר געהט שטופענווייז העכער, און העכער פול מיט האפענונג און מוט.

באך אונזערס א קאנצערט אין עין־חרוד האבען פאר אונז געזינגען און געטאנצט די חלוצים און חלוצות. דאס לעבט מען נישט איבער אפט.

און די קינדער־ערציהונג, וועגען דעם קען מען נישט גענוג זיך פונאנדער־רעדען. ס'וואקסען דארט בלומען, אלץ וואס מען טוט איז יודיש, אהן ביטול, מיט ערנסט און בעציהונג.

די ארבייט ברענט אונטער די הענד און פיס, נישט נאר אין תל־אביב, אין קליינעם ניו־יארק, נאר אומעטום, וואו ס'טרעט א יודישער פוס, מ'דארף גאר נישט קיין פיהרער בעת א רייזע איבער ארץ־ישראל, מ'קען שטענדיג וויסען וואו זיך אפצושטעלען, זעהט מען א פרימיטיוו דארף אהן גראז, זאמדען, אהן בוימער, איז מען זיכער אז דאס איז אן אראבער דארף, זעהט מען קולטור, בוימער, גראז, בהמות עופות, בילדען־צוכט א.א.וו. קען מען זיך גאנץ דרייסט אפשטעלען, דאס איז זיכער א יודישער ישוב.

וואס שייך די קולטורעלע דערגרייכונגען איז דארט דער אמת'ער יודישער קולטור־צענטער, ווייל מען מאכט קיינעם נישט צו באר, דאס אלץ איז עכט יודיש. מיר האבען געגעבען דארט עטליכע קאנצערטען אויף יודיש. ס'זענען אנוועזענד געווען די אנגעזעהענסטע פערזענליכקייטען מיט חיים נחמן ביאליק בראש. אין ארץ־ישראל זענען פערהאן דריי טעאטערס, וועלכע האבען דערגרייכט צו א „הויכער קינסטלערישער מדרגה", דאס איז „הבימה", דאס ארבייטער־טעאטער „אהל" און דאס סאטיריש־גרוזעל שאפטליכע טעאטער „מטעטעה".

קורץ, דאס וואס מיר האבען געזעהען און איבערגעלעבט אין ארץ־ישראל וועלען מיר קיינמאל נישט פערגעסען.

י. ד.

צום נייעם סעזאן אין יודישען טעאטער

שמועס מיט'ן פרעזעס פון יוד. ארטיסטן.-פעראיין מאקס ברין

אין לאדז האט געווילט עטליכע שעה דער אלטער און ניי־געוועהלטער פארזיצער פון צענטראלען יודישען ארטיסטען־פעראיין אין פוילען ה' מאקס ברין.

מיר האבען אויסגענוצט די געלעגענהייט פון צוגויפטרעפען זיך מיט ה' ברין און געשמועסט מיט איהם וועגען די אקטועלסטע אויפגאבען פון יודישען ארטיסטען־פעראיין.

— ווי אזוי איז אדורכגעגאנגען דער לעצטער צוזאמענפאהר?

— הגם די דיסקוסיע איז געווען א זעהר ליידענשאפטליכע, האט ה' ברין געזאגט, איז זי אבער דאך געווען א זאכליכע און ערנסטע, די יודישע אקטיארען האבען ארויסגעוויזען א געזונדען חוש פאר ארגאניזאציע. די אנגענומענע בעשלוסען כאראקטעריזירען פולשטענדיג די ערנסטקייט און זאכליכקייט פון צוזאמענפאהר.

— די אויפגאבען פון דער ניי־געוועהלטער צענטראלער פערוואלטונג זענען: פארבעסערען דעם קינסטלערישען מצב פון יודישען טעאטער. האבען די השגחה איבערן רעפערטואר, האלטען די אויפזיכט איבער דעם ניווא פון די גאסטראלן, וועלכע האבען זיך לעצטענס אזוי געמעהרט ביי אונז אין פוילען און זענען בכלל נישט ראוי אנגערופען צו ווערען אלס גאסטראליארען, שטעהען אין קאנטאקט מיט דעם אינטערנאציאנאלען ארטיסטען־פעראיין ועל־כולם — צו לינדערען די ארבייטסלאזיגקייט צווישען די יודיש אקטיארען.

— ווי אזוי ווערט ארגאניזירט דער נייער סעזאן?

— אין קומענדיגען „טעאטער"־יאהר וועלען זיין צוויי סעזאנען, א קליינער און א גרויסער. דער קליינער איז דער זומער־סעזאן, דער צווייטער איז דער ווינטער־סעזאן, דער סעזאן וועט גע־שטעלט ווערען אויף פערשידענע אופנים: גאסטשפיל־גרופעס און חברים־קאלעקטיווען, אין אויסנאהמס־פאלען וועלען נאך סאלארירט ווערען אנדערע אופנים פון ארגאניזירען דעם סעזאן.

די פערוואלטונג וועט ווייטער זארגען, אז אין די גרעסערע שטעט זאלען צוזאמגעשטעלט ווע־רען טרופעס, וועלכע זאל ענטשפרעכענד רעפרע־זענטירען דאס יודישע טעאטער, יעדע טרופע וועט דארפען האבען איהר קינסטלערישען לייטער.

געביסען פון א הונט

(2) אויף וואולטשאנסקא 21 האט א הונט צוביסען די 13־יעהריגע עווא עדעלשטיין (וואול־טשאנסקא 21).

דער הונט איז ענטלאפען, און דעריבער איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען צי איז ער געווען א געזונדטער, אדער — א משוגענער.

קיין ברוינעם העמדעל מיט א האקענקרייץ האט ער נישט געטראגען....

צוזאמענפאהר פון האנדווער־קער-קאמערן

(א) פרייטאג דעם 26־טען ד.ח. קומט פאר אין ווארשא א צוזאמענפאהר פון די האנדווערקער־קא־מערן, אויף וועלכען עס וועט דער־עיקר ארומגע־רעדט ווערען די פראגע פון גאוועליזירען דעם אינ־דוסטריע־געזעץ.

די לאדזער האנדווערקער־קאמער דעלעגירט צום צוזאמענפאהר דעם פרעזידענט פון דער האנד־ווערקער־קאמער, זארזשיצקי, דעם וויצע־פרעזידענט קאזשימירסקי און דעם ד"ר קאצענבאגען.

מאלי פיקאן
יעקב קאליך
טרעטען אויף
הייבט, 9 אווענד, מיט
א קאנצערט
אין „פילהארמאניע".

פאבאר פון יאהרגאנג 1912

היינט, דינסטאג, דעם 23־טען ד. ח. דאר־פען זיך שטעלען פאר דער קאמיסיע נומער 1 (צל. קאשטשושקי 21) די פאבארעוצעס פון יאהר־גאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 5־טען קאמיסאריאט מיט די אותיות:

B E

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 2 (אגרא־דאווא 34) די פאבארעוצעס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 7 פאליציי־קאמיסאר־יאט מיט די פאמיליען־נעמען אויף די אותיות:

E F H Ch

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 3 (פיעט־ריקאווער 165) די פאבארעוצעס פון יאהרגאנג 1911 קאט. B, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 4 פאליציי־קאמיסאריאט

פון A ביז O איינשליסליך.

מארגען, מיטוואך, דעם 24 ד. ח. דארפען זיך שטעלען פאר דער קאמיסיע נומער 1 (צל. קאשטשושקי 21) די פאבארעוצעס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 5־טען קא־מיסאריאט מיט די אותיות:

C D H Ch

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 2 (אגרא־דאווא 34) דארפען זיך שטעלען די פאבארעוו־צעס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 7 פאליציי־קאמיסאריאט

K

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 3 (פיעט־ריקאווער 165) די פאבארעוצעס פון יאהרגאנג 1911, קאט. B, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 4 פאליציי־קאמיסאריאט

P R S Sch Sz Ś T U W Z Ż Ź

צו אלע בירגער!
די האפענונגען פון אונזערע שפילערס ווערען פערווירקליכט...
דאס גרעסטע געווינס פון דעם נעכטיגען ציהונגס־טאג פון דער 1־טער קלאס
20.000.— זל. אויף נומער 52603
איז ווידער געפאלען אין אונזער גליקליכסטער קאלעקטור!
ס. יאטקא,
פיעטריקאווער 22
פיעטריקאווער 66
פאביאניץ, פל. דאמבר. 3
מיר עמפפעהלען ווייטער אונזערע גליקליכע לאזען!

ארטאפעדישער אנשטאלט

בראטעזען, גארסעטען, אר־טאפעדישע אפאראטען אלער ארט, לייכטע פלאט־פוס־איינלאגען בעגען פיס־שמערצען אלס נאך גיפס־אבדרוק.
Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović
פיעטריקאווער 119, טעל. 231-81.

ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע

ערשטע קלאס — פירטער טאג

20.000 zł, na Nr. 52603.
15.000 zł. na Nr. 92686.
po 10,000 zł. na N-ry 72554 141346 147735.
5.000 zł. na Nr. 31173.
po 2.000 zł. na N-ry 42911 46313.
po 1.000 zł. na N-ry 62480 84076 97756 123829.
po 400 zł. na N-ry 65960 102188 103737 115339 144181 150923.
po 200 zł. na N-ry 132842 15136 25415 26100 27876 30782 35727 51871 56160 66586 84861 86974 88743 91724 96663 101661 113303 122909 133156 149848.
po 150 zł. na N-ry 13788 16445 19733 20167 25019 25910 28847 29284 32827 39918 44907 49064 61354 61517 65042 66804 68030 75695 81284 83338 86245 8912 91250 93514 93629 94229 99091 108362 168872 108980 115863 125766 126993 129216 134214 138016 138690 138985 139696 154781.

Po 100 zł. na N-ry.

05 381 89 679 760 877 935 1180 217 335 561 671 705 995 2118 60 481 697 890 3017 47 59 171 209 509 79 742 69 849 920 4109 428 32 581 625 750 74 819 5092 149 61 272 358 60 402 538 712 968 61668 377 427 576 840 59 914 7178 224 343 422 570 675 98 8079 571 702 57 58 9310 41 60 633 10020 440 562 801 46 862 972 10912 67 366 575 93 765 81 82 882 12058 264 348 552 826 69 909 86 13069 77 114 26 30 43 233 439 45 81 529 76 254 465 547 631 42 700 59 72 810 46 89 22181 78 704 815 97 14029 81 301 67 93 501 82 847 15098 131 241 317 665 68 703 823 37 16237 378 484 567 692 829 962 17065 87 206 30 360 419 28 99 535 703 81 982 18325 409 43 696 796 858 19472 506 603 07 833 59 20050 113 431 76 21131 214 58 353 900 48 23079 165 73 259 302 400 595 871 81 24005 96 191 403 84 90 528 679 25032 247 322 652 702 968 26028 340 412 530 36 59 932 27047 57 217 61 346 434 562 69 85 622 24 44 85 989 28031 79 94 357 60 509 687 795 29032 45 73 113 305 46 59 472 89 511 70 615 50 861 30036 204 84 390 495 567 762 962 31235 359 433 663 80 725 979 32202 17 388 33116 209 23 384 976 34303 07 78 88 583 833 35178 231 328 483 508 36421 781 809 34 37405 733.

38436 97 520 64 662 67 904 43 39026 447 73 636 849 994 40009 275 523 740 41067 261 310 22 44 69 491 527 675 787 42054 324 542 683 704 74 87 868 82 43003 279 373 615 777 82 96 844 44241 365 522 55 752 82 800 24 45187 289 432 57 556 689 768 988 46920 65 205 32 522 47163 263 490 520 83 612 774 800 55 65 48452 540 782 90 888 91 49118 241 94 354 454 96 705 2598 50131 270 526 776 876 81 51007 38 483 551 774 810 52012 157 286 307 513 645 79 708 62 79 852 96 976 53033 124 70 353 93 444 713 930 54195 357 77 93 428 511 768 85 898 990 55131 558 858 980 56081 280 340 462 568 666 757 824 946 57260 86 486 533 860 914 58049 280 673 848 976 59050 167 203 472 73 567 640 957 59 60110 70 210 36 403 537 55 822 61100 298 623 42 909 76 62116 38 317 405 73 537 38 601 94 708 55 99 63006 103 269 553 79 88 609 797 901 64103 15 83 693 95 780 989 65151 268 853 64 944 66129 53 281 480 753 61 98 943 67007 523 63 80 673 68134 228 556 816 69082 188 234 83 314 33 70226 324 710 50 81 71266 300 404 62 92 604 80 734 49 910 72066 280 301 689 95 792 815 73080 46 62 921 74008 30 43 44 115 74 424 841 93 971 75094 146 55 280 329 35 450 565 67 692 730 58.

76079 100 74 282 815 75 77252 355 412 92 599 684 887 991 78131 49 236 49 70 88 323 551 627 63 707 73 93 840 964 79174 210 66 387 412 31 69 520 91 675 853 98 80024 132 212 440 597 758 970 81074 202 58 391 18 479 680 731 904 37 82201 410 534 61 68 731 908 45 48 83044 143 69 239 332 458 525 602 62 84158 281 418 85016 29 321 445 592 685 792 871 86053 357 405 665 47 78 778 87194 269 820 942 88051 358 455 602 855 89111 341 471 521 64 76 722 965 90139 268 369 429 33 632 52 736 839 994 91009 207 337 43 433 65 753 912 92327 30 468 670 95 704 37 94 875 93050 76 128 323 533 620 718 847 930 33 94086 129 255 736 958 95 95226 56 648 64 96056 137 98 342 47 438 632 97198 240 63 516 646 769 918 98090 195 508 99165 230 44 70 435 80 591 671 732 848 997 100127 252 325 79 83 435 617 21 69 801 81 981 82 101014 27 288 515 41 650 854 67 102149 64 391 94 583 621 771 103029 86 254 68 300 41 439 707 919 33 104[illegible] 283 427 596 749 891 105498 776 867 106227 316 98 699 785 943 107129 389 656 108139 410 961 109117 307 29 78 678 841 77 974 110057 299 337 568 61 614 111246 406 34 77 558 68 112013 202 03 407 47 66 512 82 86 712 962 88 113170 571 643 704 12 75 848 50 84 917.

114013 100 86 420 529 612 115126 206 938 37 44 116163 259 359 424 60 635 870 973 78 117199 291 302 499 51 640 55 9555 118222 51 493 505 28 703 20 897 119022 101 200 502 641 89 815 78 84 977 120562 666 763 954 121013 120 61 314 771 864 122176 284 313 25 37 507 901 05 43 123003 120 540 725 73 94 826 124260 69 373 844 125098 304 483 530 81 625 126002 69 100 57 98 276 369 97 579 821 902 127029 76 221 52 499 567 690 826 128364 74 817 58 129104 60 267 354 832 130062 132 288 640 945 131171 254 391 527 68 600 71 814 946 132173 388 551 666 765 133389 429 728 946 134263 433 629 84 135045 77 330 438 636 37 756 810 72 970 136453 433 629 84 135045 77 330 438 636 37 756 810 72 970 136453 137097 396 619 718 85 916 98 138162 271 424 34 139166 254 591 737 840 97 916 11 140003 47 107 46 74 229 315 17 596 602 39 66 955 141135 353 516 684 750 77 142088 720 842 143600 82 144031 43 173 225 617 33 145433 92 43 146051 515 39 601 76 722 147052 108 386 40 505 669 910 98 148184 482 965 149244 353 50 95 629 96 703 29 44 84 831 69 909 72 150198 34 421 724 32 67 908 151305 25 442 64 891 1522[illegible] 84 350 42[illegible] 731 57 857 153104 351 93 571 [illegible] 66 857 9[illegible] 154054 433.

אויף אַזאַ איבעראַשונג

האָט לאָדז זיך נישט גערעכנט!

מאָלי פּיקאָן

און יעקב קאַליך

קאָנצערטירן היינט אין „פילהאַרמאָניע".

אַ מיטינג מיט'ן אנטייל פון ברוך צוקערמאַן

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָנגעהויבענער שקל-אַקציע פון בלאָק פון ארב. א"י. אָרדנען איין די רעכטע פּועלי-ציון מאָרגען מיטוואָך, אַ מיטינג אין „פילהאַרמאָניע" אויף וועלכן ס'וועט אנטייל נעמען דער באַקאַנטער אַרבייטער-פירער ברוך צוקערמאַן פון אמעריקא, לאַנגער יעהריגער פירער פון דער יודישער אַרבייטערשאַפט, האָט ער צוזאַמען מיט ב. באָראָכאָוו אָנגעפירט מיט דער „פּועלי-ציון"-באַוועגונג אין אַמעריקא און איך געווען מיטגליד פון וועלט-פאַרבאַנד. ה' צוקערמאַן איז אויך אַ באַקאַנטע פּערזענליכקייט אין ברייטן יודישען לעבען. בעת דער וועלט-מלחמה האָט ער אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דער הילף-אַקציע פון „רעליעף קאָמיטעט" פאַר דער יודישער באַפעלקערונג אין אייראָפּא און אויך די גאַנצע צייט גע-

שטאַנען אין שפּיץ פון דעם אַמעריקאַנער יודישען קאָנגרעס.

די לעצטע צייט האָט ה' צוקערמאַן פאַרבראַכט אין א"י פון וואַנען ער איז געשיקט געוואָרען, אַלס שליח פון קרן-היסוד-דירעקטאָריום פון ירושלים, קיין פּוילען, ווי ער פירט אָן מיט דער ק"ה קאַמפּאַניע.

לוסי און מישא גערמאַן שפּילן נאָך עטליכע טעג „מאַמע און שוויגער" אין סקאַלאַ-טעאַטער

היינט דינסטאָג ווערט געשפּילט, אויף דעם אַלגעמיינעם פאַרלאַנג פון גרויסען טעאַטער-עולם פון לאָדז, „מאַמע און שוויגער" וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען די 2-טע פּרעמיערע אויפפירונג פון לוסי און מישא גערמאַן „אַזוי איז דאָס לעבען", וועט ספּעציעל דער פּרעמיערע טאָג אַנאָנסירט ווערען.

בײַ קאָפּ, לענדען און שולטערן-רעוומאַטיזם

נערווען-שמערצען, הערקסענשוס, הערט דאָס נאַטירליכע ביטערוואַסער

Franciszka Józefa

מען כרוים נוצען פאַר די טעגליכע ריינוואַשונג פון פערדויונגס-קאַנאַל אָנגעווענדעט. עמפּפעהלט דורך דאָקטוירים.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: ק. ליינוועבער (פרייהייטס-פּלאַץ 2), י. האַרטמאַן (מלינאַרסקאַ 1), וו. דאַנילעצקי (פּיעטריקאָווער 127), א. פּערעלמאַן (ציגעל-גאַס 32), י. צימער (וואָלטשאַנסקאַ 37), פ. וואָיטשיצקי (נאַפּיורקאָווסקיעגאָ 27).

די שקל-אַקציע אין לאָדז

דער היגער שקל-קאָמיטעט האָט שוין אָנגעהויבען די הײַ-יעהריגע שקל-אַקציע. אַ גרויסע צאָהל שקלים איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרען צו אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, אָרגאַניזאַציעס און יוגענד-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען שוין צוגעטראָטען צום פאַרשפּרייטען די שקלים.

דאָס ביוראָ פון שקל-קאָמיטעט שרודמיעסקאַ 29 איז טעטיג טעגליך פון 10 ביז 1 פאַרמיטאָג. י נאָהענטסטע טעג הויבט אָן דאָס ביוראָ פונאַנדערצושיקען דורך ספּעציעלע בעפולמעכטיגטע פּערזאָנען שקלים צו דער יודישער באַפעלקערונג.

נעכטיגע רינג-קאַמפּען

נעכטען האָבען געקעמפּט:

1) קאַרלעווסקי—באַרקאָוויעצקאַ, אין דער 11 מינוט האָט געזיגט באַרקאָוויעצקאַ. אין דער צווייטער פּאָר האָבען געקעמפּט שטשערבינסקי-ביעלעוויטש. דער קאַמף בלייבט אָהן ענטשידען. די דריטע פּאָר האָבען געקעמפּט: בודרוס – אויבאָ, געזיגט האָט אין דער 6 מינוט בודרוס.

דער קאַמף גראַבאָווסקי—קאָוואַן בלייבט אונענטשידען, אין דער לעצטער פּאָר האָבען געקעמפּט קרויזער—קראַטאָן, געזיגט האָט קרויזע אין 2 מינוט.

היינט קעמפען:

1) וויעלאַך – גראַבאָווסקי, 2) ביערנאַצקי – פּראַהאַסקאַ, 3) ביעלעוויטש – קאָוואַן 4) קרויזער – גראַמאָוו 5) שטשערבינסקי – בודרוס, דעצידירענדער קאַמף.

DOKTOR

H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 90-216

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע. אַלע אַרט אַנאַליזען, עלעקטראָטעראַפּיע, באַהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.

נעמט אָן פון 8–2 און פון 5–9 אָוועגד. באַזונדערוואַרטע-צימער פאַר פרויען.

היינט פּרעמיערע! גרויסע עראָטישע זיטען-דראַמע א. נ.

„גלאַנץ און שאָטענס פון ליבע"

Fryderyk March ווי אויך דער אונפאַרגעסליכער שעפער פון פילם **Dr. Jekyll i Mr. Hyde**

Sylvia Sydney אין די הויפּטראָלען די רייצענדע העלדין פון „גרויסשטעטישע גאַסען" „אַמעריקאַנער טראַגעדיע"

פאַרקלענערטע פּרייזען פון די פּלעצער. הנחה-בילעטען גילטיג אָהן באַגרענצונגען.

זיכערע הילף און אַ רפואה!

אָהן אָפּעראַציע, אָהן בלוט, אָהן אַ מעסער און אָהן בלוט-פאַרגיסונג פאַר קראַנקע אויף ברוכען, פאַר מענער, פרויען און קינדער, פאַרשידענע קאַליקעס אין גוף, פאַר הויקערס און פיס.

פאַרלאָזט נישט די קראַנקהייט, ווייל דער ווינקעל-ברוך וואַקסט גרויס ווי אַ מענשען-קאָפּ, און עס פאַלט אַרײַן אין דעם כיס איז דער קראַנקער אין אַ גרויסער סכנה, דורך פאַרדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטאַרבט. ספּעציעלע נאָמענע הייל-באַנדאַזשען באַוואָרענען זיכער דעם שווערסטען ברוך, אויך פאַר הויקערס, ליימונגען ספּעציעלע הייל-גאָרסעטן און אָפּאַראַטען פאַר פאַרקרומטע פיס און פלאַטפיס, ווי אויך קינסטליכע נאָמענע פיס.

עמפּפאַנגט טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אָוענר.

איינציגע אָרטאָפּעדישע הייל-אַנשטאַלט

Specialist Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped

פון לעמבערג

Łódź, Wólczańska 10, tel. 221-77, front, parter.

באַמערקונג: דאָס פּערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר באַראַנעש, פּראָפ. ד"ר י. מאָרישלער, פּראָפ. דר בר. קיטראַנאָווסקי און אויך אַנדערע.

מיר נעהמען אויך אָן פאַרזיכערטע פון דער קראַנקען-קאַסע.

דאַנקזאַגונג.

דעם הערציגסטען דאַנק דריק איך אויס דעם גרויסען ספּעציאַליסט ה' דיר. י. ראַפּאַפּאָרט, וואוינהאַפט אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 10, פאַר דער וואונדערליכע איינהאַלטונג פון מיין ברוך-קראַנקהייט מיט דעם באַנדאַזש פון זיין סיסטעם.

לאָדז, אַלעקסאַנדרויסקאַ 29 L. Salomonowicz (—)

באַקאַנטמאַכונג

אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַנגען, וואָס ווערען פאַרשפּרייט, אַז דער צענטראַלער ראַד-פאַרקעהר-פאַראיין האָט געעפנט אַ ווערקשטעל אויף זשוראָווייאַ 20, וואו עס ווערט געצויגען גומי-רייפען און לאַקירט דראָזשקעס, ערקלערען מיר, אַז מיר האָבען קיין שום שייכות צום אויבאַנדערמאָהנטען ווערקשטעל און מיר זענען פאַר קיין שום זאַך נישט פאַראַנטוואָרטליך. מיט אַכטונג די פערוואַלטונג

פון צענטר. ראַד-פאַרקעהר, פּילסודסקעגאָ 43.

עלטערן!

פאַרשרייבט אייערע קינדער אין דער

1) 7-קל. פאָלקס-שול א. נ. פון באָראָכאָוו שרודמיעסקאַ 7

2) 7-קל. פאָלקס-שול א. נ. פון פּרץ פּלאַץ קאָשטשעלני 4

עס ווערען אָנגענומען קינדער אין עלטער פון 6 ביז 14 יאָהר.

קוראַטאָריום פון די באָראָכאָוו-שולען. 2416

DR. MED.

Z. LEWINSON

כירורג

אָרדינאַטאָר פון שפּיטאַל אויף דרעווניאָווסקאַ נעהמט איצט אָן אויף פּיעטריקאָווער 86, פראָנט 2. שטאָק פון 3–5 נאָכמ. 1780

Dr. med.

Berman

צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07.

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע - באַהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.

נעמט אָן פון 8–11 פריה און 4–8 אָוענד, זונטאָג פון 9–1 בײַטאָג.

פאַר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פּרייזען.

לעטשניצע

זגערזשער 17

נעהמט אָן קראַנקע אין אַלע ספּעציאַליטעטן

פון 9 פריה ביז 7 אַ זייגער אָוונט.

וויזיט 3 זל.

קריינע אַנאַנסען

1 זלאָטי אַנאַנאַס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

ס'ווערט געברויכט לערניונגלעך און אויסגעלערנטע צו שאָכטלען, צו ערפאַהרען קאַמיענאַ 1 קראָכמאַלניק. 2697

אַ שטעפּער-נייער ווערט געזוכט ביים טשמיעל, רזשגאָווסקאַ 9. 2709

קוואַליפיצירטע הערן-שניידער-געזעלען קענען זיך פון ופאָרט מעלדען נאַרוטאָוויטשאַ 5 וו. 17. 2703

פאַרשידענעס

אַ וויכטיג גאַנגבאַר אַרטיקעל, גוטיג פאַר קאַלאַניאַל-געוועלבער, מלעטשאַרניעס, אַוואַצאַדניעס איבערהויפּט פאַר געוועלבער אויף זומער-וואָלינונגען, צו באַקומען פון דער 1-טער קוועלע. גאַרפינקעל, פּילסודסקיעגאָ 17, אַפּטייקע, פּאַרטער.

געגען בעלוינונג: נעכטען 11 בײַטאָג האָט מען מיר אויף אָגראָדאָווא 5 אַוועקגענומען אַ וואַליזקע מיט גאַלאַנטערי-סחורה אויף 300 זל. געלד, די ה"ה גנבים ווערען געבעטען געגען בעלוינונג זיך צו פאַרשטענדיגען מיט מיר י. אַלפוס, פּלאַטשאָדע 2. באַמערקונג: דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגען און מיין מאַן איז אַן אָרימער קאַליקע. דיסקרעציע געזיכערט. 2708

ראַקאַלעס

צו פאַרמיטען ענצעלנע צימערן ווי אויך ענצעלנע צימערן און קוכען, 2 צימער און קוכען מיט עלעקטרי, וואַסער און אַבגוס. צו ערפאַהרען ביים ווירט זגערזשער 43/45. 2696

איבערצוגעבען אַ גוט איינגעפירטע צוקערלעך פאַבריק מיט אַלע איינריכטונגען אין אַ גוטען פונקט, פאַר אַ צוגענגליכען פּרייז, ס'קען אויך זיין פאַר וואַכען-געלד, אויך מעגליך מיט אַ וואוינונג, צו ערפאַהרען אין אָדם. 2705

פון זאָפאָרט אַ געוועלב מיט אַ הינטערגאַנג, 232 זל, אַ קוואַרטאַל ביים ווירט וואָסכאָדניאַ 37 אָהן אַבטרעט-געלד. 2690

אַ באַקוועמע אָרט צו שלאָפען פאַר 2 יונגעלייט איז אָפּצוגעבען. פּאָמאָרסקאַ 14 אין אַפּטייקע, 2. שט, לאָסקי.

פרייע פּאָסטענס

אַ סיכטיגע פאַרקויפערין באַקאַנט אין דער קאָלאָניאַל-בראַנזשע קען זיך מעלדען מיט רעפערענצען טעלעפאָן 23076. 2702

DR. MED.

M. Glazer

הויט און וועגערישע קראַנקהייטען וואוינט יעצט אויף

ZACHODNIA 64

Telefon 185-49

נעהמט אָן פון 12 ביז 2 און פון 7 ביז 8.30 אָוענד. 1697

זונטאָג און פייערטאָג פון 10 ביז 12 מיטאָג

לעטשניצע

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטן און דענטיסטישער קאַבינעט

11 בזשעזשינער 11

טעלעפאָן 137-63

עס נעמען אָן דאָקטוירים ספּעציאַליסטן שיפּמאַן, וואַלינסקי, שמיר-געלד, קערשנער, שמער-לאַווסקי, סלאַבאָדסקי, זאַלצוואַסער, איציקזאָן, קראַסאָווסקי, יאַקובזאָן און דענטיסטין סטאַראָפּאָלסקאַ.

וויזיט 3 זל.

Poradnia WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן

זאַוואַדזקאַ 1

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקהייטן און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער.

קוואַרץ - לאַמפּען, עלעקטרישער הייל-קאַבינעט.

טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוו. פון 11—4 נ"מ נעמט אָן אַ פרוי-דאָקטער נאָר קינדער און פרויען, זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמ.

באַזונדערע וואַרטע צימער פאַר פרויען.

וויזיט 3 זל.

Dr. med.

HALTRECHT

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט-און געשלעכטס-קראַנקהייטען

פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21

נעמט אָן פון פון 2—3 און פון 6.30 ביז 8 אָוונט, זונטאָג פון 10—1 בײַטאָג.

אַלע אַרט אַנאַליזען.

פאַר אָרבײַטסלאָזע לעטשניצע-פּרייזן

DRUSKIENIKI

Zdrojowisko solankowe i leśna stacja klimatyczna

זומער-סעזאָן פון 15 מאַי ביז'ן 30 סעפּט.

5% זאַלץ-באָדער פון נאַטיר קוואַלען, וואָס ענטהאַלטען אַ תוך כאָדע-קלאָראַט אויך קאַלך-קלאָראַט און די קריין-פּראָצענטיגע „דרוסקעניקער מאַלטבעט" צו טרינקען.

די הײלט: נאַסטענעץ, קראַנקהייטען פון מעטעריע-אָפּטעקסלגונג, נערווען-קראַנקהייטען-הערץ-פעהלערן און געפעס-קראַנקהייטן, קראַנקהייטען פון מאָגען און קישקעס, פרויען- און קינדער-קראַנקהייטען, קראַנקהייטען פון אָטעם-וועגען, מאָדערנע היילונגס-איינריכטונגען, אַנשטאַלט פאַר היילען מיט זונ-שטראַהלען, לופט און באַוועגונג, שוים-האַלעס, קאַסקאַדובקעס.

פלאַזשע איבער'ן ניעמאַן.

די פּרייזן זענען זעהר פאַרקלענערט.

אינפאָרמאַציעס ערטיילט אין דרוסקעניקי—די קור-קאָמיסיע.

w Warszawie—Związek Uzdrowisk Polskich, Ś-to Krzyska 17, tel. 434-38.

Dr. S. KANTOR

ספּעציאַליסט פאַר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראַנקהייטען

וואוינט יעצט

Piotrkowska 90, tel. 129-45

נעהמט אָן פון 8—2 נאָכמ. און 4—9 אָוענד, זונטאָג און יום-טוב פון 8—2 נאָכמ.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.